ובו סיפורי עובדות על
רבי **אברהם ב"ר נחמן** הלוי ז"ל
**מאומאן**
נלב"ע כ"ט כסליו תרע"ח

בעזהשי"ת

**קונטרס**

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס כ"ו, וישלח - וישב תשע"ט

# תוכן השיעור


'מלך אסור ברהטים'

'בנין בית המקדש'

'מח מהיר וחריף'

'רישא דפטישא'

'חכמים המה להרע'

'מלכות - דלית לה מגרמה כלום'

'תורה - ותפלה'

'החכמה תחיה בעליה'

"דו קערסט קיין ארץ ישראל"

'דאחיד בשמיא ובארעא'

אינו 'צדיק כלל'...

'לדעת בארץ דרכך'

זה השער לה'!

'בקי ברצוא - בקי בשוב'

"דער רבי איז א טוב עין"...

רבי אברהם ר' נחמן'ס ז"ל

'ורבים השיב מעוון'

'הבל הקדוש'

"איך זאל גיוועזן קענען דעם רבי'ן"...

'רבי נחמן טולטשינער ז"ל'

'חכמת התמימות'

'אור' עם 'לבושים'!

'רבי פנחס קיבליטשער ז"ל'

"איך וועל אייך אויסזאגן דעם סוד"...

'פלטין של אמת'

מקוה במסירות נפש

א-ל 'קנא' הוא

"איך וויל נישט זיין קיין רודף"!

"הער און שווייג"!


להאזין אל כל השיחות הנ"ל על ידינו

**079-5281887**

(ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל)

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 26


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# פרשת יתרו, תשל"ד

## - ובתוכו שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ב תניינא "חיים נצחיים" -

(טייפ מס' 14#)

## 'מלך אסור ברהטים'

(מתוך שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' ע"ב תניינא) - זאגט דער רבי אזוי;[א] "וְדַע, שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה" - דו זאלסט וויסן, יעדער איינער וועדליג זיין 'התנוצצות' - אזוי ווי זיין מח שיינט איהם, אזוי איז ער זוכה צו 'גדולה' - מקבל צו זיין גדולה!

---

[א] ונעתיק כאן מתוך הלשון בליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ע"ב - 'חיים נצחיים', השייך להמשך השיחה כאן;

דַּע, שֶׁלִּרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא גַּם־כֵּן דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד. בְּוַדַּאי כְּשֶׁזּוֹכִין לִשְׁמֹעַ מִפִּיו תּוֹרָה הוּא מַעֲלָה יְתֵרָה, אֲבָל גַּם כְּשֶׁאֵין שׁוֹמְעִין תּוֹרָה, הָרְאִיָּה לְבַד שֶׁזּוֹכִין לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק הוּא גַּם־כֵּן טוֹב מְאֹד, כִּי עַל־יְדֵי שֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק, עַל־יְדֵי־זֶה מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה, וְעִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא שִׁפְלוּת ...

וְדַע, שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה, בִּבְחִינַת (שִׁיר־הַשִּׁירִים ו): "מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים" — 'בִּרְהִטֵי מֹחִין' (סוֹף הַתִּקּוּנִים תִּקּוּן ו, דַּף ה). הַיְנוּ שֶׁבְּחִינַת הַמַּלְכוּת, דְּהַיְנוּ גְּדֻלָּה, הוּא אָסוּר וְקָשׁוּר בִּרְהִטֵי מֹחִין, שֶׁלְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין כֵּן מְקַבֵּל גְּדֻלָּה.

וְהַמֹּחִין וְהַדַּעַת הֵם בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (בְּרָכוֹת לג): 'כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה, כְּאִלּוּ נִבְנֶה בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו, כִּי דֵּעָה נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת, וּבֵית־הַמִּקְדָּשׁ נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת' וְכוּ', וְעַל־כֵּן כָּל אֶחָד כְּפִי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִיס עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת, כָּל מַה שֶּׁהוּא עוֹסֵק יוֹתֵר לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ כֵּן הוּא עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, כִּי עִקַּר בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ הוּא הַדַּעַת כַּנַּ"ל.

וְיֵשׁ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר וְחָרִיף, וְהוּא עוֹסֵק תָּמִיד לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, וּכְפִי הַגְדָּלַת דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה. וְזֶה בְּחִינַת (מִשְׁלֵי כ"ב): "חָזִית אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ, לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב". 'אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ' זֶה בְּחִינַת מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר וְחָרִיף כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת 'מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ', הַיְנוּ בִּמְלֶאכֶת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, כִּי מְלֶאכֶת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ הוּא כְּפִי מֹחוֹ כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה: 'לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב', הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה לִגְדֻלָּה, בְּחִינַת מַלְכוּת, כִּי הַגְּדֻלָּה הִיא כְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ, בִּבְחִינַת: 'מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים', כַּנַּ"ל ...

אה, דאס דארף מען אויך גוט וויסן דאס! אז דער מענטש זאל וויסן, אז דער עיקר מענטש איז נאר דער 'מח', דער 'געדאנק'! וואס ער האלט דעם געדאנק - וואס דער געדאנק זיינער איז מער געהייליגט, קען ער מקבל זיין מער 'גדולה'! (דהיינו -) דער רבי וועט רעדן ווייטער[ב] - מער 'חידושי אורייתא', דער עיקר איז נאר דער מח! וואס דער מח איז ביי איהם מערער - דער מח שיינט איהם מערער, אזוי איז ער זוכה מער צו גדולה.

*

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן שם); בִּבְחִינַת "מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים" - 'בִּרְהִטֵי מֹחִין'. הַיְנוּ שֶׁבְּחִינַת הַמַּלְכוּת, דְּהַיְנוּ גְּדֻלָּה, הוּא אָסוּר וְקָשׁוּר בִּרְהִטֵי מֹחִין, שֶׁלְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין כֵּן מְקַבֵּל גְּדֻלָּה.

א פסוק איז דא - "מלך אסור ברהטים", זאגט דער זוהר, "ברהיטי מוחין" - אין דעם לויפונג פון דיינע מוחין, דארטן איז אנגעקניפט דאס 'מלכות', 'מלכות' מיינט מען דאך 'גדולה' - מלכות!

"מלך אסור ברהטים" - דער מח קען דאך נישט רוהען, דער מח לויפט דאך, לויפט, לויפט! אז דער אויבערשטער העלפט, אז דער מח לויפט נאר אין שיינע זאכן, הייליגע זאכן, אין השגות אלקות, אין אמונה אין השי"ת, ער לויפט אין הייליגע געדאנקען - אזוי איז ער מקבל 'גדולה'! דארטן איז אנגעקניפט דער מלך!

"מלך אסור ברהטים" - אין דיינע מוחין וואס איר לויפט! 'ברהטים' איז א לשון 'לויפן' - "ברהיטי מוחין", אין די מוחין - דארטן איז אנגעקניפט דער מלך!

*

## 'בנין בית המקדש'

"וְהַמֹּחִין וְהַדַּעַת הֵם בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה, כְּאִלּוּ נִבְנֶה בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", דאס איז אויך א געוואלדיגע

[ב] שם להלן; וַאֲזַי כְּשֶׁמְּקַבֵּל כָּל אֶחָד גְּדֻלָּה כְּפִי הָרָאוּי לוֹ בֶּאֱמֶת לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ ... אֲזַי יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד מֵהַשָּׂרִים וְהַמַּנְהִיגִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא כְּפִי הָרָאוּי לוֹ לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ.

לשון - דער וואס ער האט דער מח, דער דעת, איז גלייך ווי דער בית המקדש איז געווארן געבויעט 'בימיו'! - זאגט דער רבי דא.

'כִּי דֵעָה נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת, וּבֵית־הַמִּקְדָּשׁ נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת' - 'דעה' שטייט צווישן צוויי אותיות - צווישן צוויי שמות, עס שטייט "א-ל דעות השם"! און 'מקדש' איז אויך צווישן צוויי שמות; "פעלת ה' מקדש ה'"! ברענגט דער גמרא א ראיה דערפון, אז דער וואס ער האט דער 'דעת' - איז גלייך ווי ער האט דער בית המקדש! ווארן 'דעת' שטייט צווישן צוויי שמות, און 'מקדש' איז צווישן צוויי שמות!

דערפאר - זאגט דער רבי - "וְעַל־כֵּן כָּל אֶחָד כְּפִי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ", נאך זאגט דער רבי דא אווארט - "וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִיס עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת" - ער ברענגט 'זיך' אריין אין 'דעת' אריין - דאס איז דאך א געוואלדיגע לשון דא! וואס הייסט ער נעמט 'זיך' אריין אין 'דעת'? עס איז פארהאנען אמאל איינער, עס לויפט איהם אריבער א גוטער געדאנק, זאל ער 'זיך' אריינעמען אין דעם געדאנק אריין! אזוי ווי איינער גייט אריין אין א שטוב אריין - איז ער אין דער שטוב!

זאגט דער רבי; ווערדליג ער ברענגט 'זיך' אריין אין 'דעת' - אין 'דעת' ברענגט ער זיך אריין! אז איך האב עפעס א ידיעה לייג איך זיך אריין אין די ידיעה! - - -

דער רבי זאגט דארטן,[ג] אז ס'לויפט אדורך (א מחשבה) אין געדאנק, ס'געבט א לויף איבער (ופרח לו ממנו) - ניין! אז ס'לויפט מיר איבער אזא געדאנק, דארף איך זיך אריינעמען אין דעם געדאנק אריין! איך דארף נאכלויפן דעם געדאנק, און זיך אריינלייגן אין דעם געדאנק אריין!

נו, ס'איז גוט אז דער אויבערשטער העלפט, ס'קומט אמאל א גוטער געדאנק, אבער לאז איהם נישט אפ! נעם זיך אריין, "וכפי שמכנים עצמו בתוך הדעת", ער ברענגט זיך אריין אין דעת אריין.

איז וואס ער איז עוסק מערער - כָּל מַה שֶּׁהוּא עוֹסֵק יוֹתֵר לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, כֵּן הוּא עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ - איז ער מער עוסק אין בנין בית המקדש -

---

[ג] שיחות הר"ן אות נ"ח.

בויעט ער די בית המקדש מערער! כִּי עִקַּר בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ הוּא הַדַּעַת כַּנַּ"ל - ווארום דער עיקר בנין בית המקדש איז נאר דער דעת!

*

# 'מח מהיר וחריף'

זאגט דער רבי; וְיֵשׁ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר - ער האט א גיכער מח, וְחָרִיף - ער האט א שארפן מח, וְהוּא עוֹסֵק תָּמִיד לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, וּכְפִי הַגְדָּלַת דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה.

וְזֶה בְּחִינַת - א פסוק איז דא אין משלי - "חָזִית אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ, לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב". וואס הייסט "איש מהיר במלאכתו"? אין וואספארא מלאכה איז ער א מהיר? 'אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ' זֶה בְּחִינַת מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר וְחָרִיף כַּנַּ"ל - ער האט א מח מהיר וחריף, דער איז א מהיר במלאכתו! שֶׁהוּא בְּחִינַת 'מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ', הַיְנוּ בִּמְלֶאכֶת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ - ער איז עוסק אין בנין בית המקדש - אין דער מלאכה! כִּי מְלֶאכֶת בִּנְיַן בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ הוּא כְּפִי מֹחוֹ כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה: 'לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב', הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה לִגְדֻלָּה, בְּחִינַת מַלְכוּת, כִּי הַגְּדֻלָּה הִיא כְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ, בִּבְחִינַת: 'מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים', כַּנַּ"ל.

וואס מיינט א 'מח מהיר וחריף'? זאגט שלמה המלך, ער איז א 'מהיר במלאכתו' - אין דער מלאכת בנין בית המקדש איז ער א 'איש מהיר'! ער בויעט גוט דער בית המקדש, ער בויעט! ער 'גרייסט דער מח', און 'שארפט דער מח', איז ער עוסק אין דער מלאכה פון בנין בית המקדש!

*

(השואל; דער רבי רעדט ווען ער האט א שארפע מח 'בטבע', ניין?!) די גמרא זאגט,[ד] אז רבי יהושע בן לוי האט אויסגערעכנט דארטן - א גמרא סוף שבת - ער האט אויסגערעכנט די אלע טעג, דער וואס ווערט געבוירן 'זונטאג' איז ער אזוי, 'מאנטאג' איז ער אזוי (און אזוי אלע טעג).

---

[ד] מסכת שבת דף קנ"ו ע"א.

און רב אשי איז געבוירן געווארן 'זונטאג' איז ער געווארן 'ראש ישיבה', און א אנדערער וואס איז געבוירן געווארן אויך 'זונטאג' - איז געווען גאר עפעס א 'ריש גנבי'. האט רב אשי געזאגט; "ער איז אין זיין זאך, און איך בין אין מיין זאך"! יעדער איינער - די סגולה וואס ער האט - איז פון דעם טאג האט ער די סגולות פון דער זאך - האט ער!

א 'מח מהיר וחריף' איז נאך ווינציג - ער האט א 'מח מהיר וחריף' (- מן השמים), אבער זיך אריינעמען אין 'להגדיל מוחו ודעתו' - צו דאס דארף מען אויך האבן גרוים רחמים! ס'איז דא אסאך אפיקורסים וואס האבן געזונטע קעפ, אנדערע מוחות האבן זיי, געוואלדיגע מוחות, שארפע מוחות! אבער דאס איז נאך ווינציג!

דער 'מח מהיר וחריף' - דאס איז דאך א מח 'מן השמים', מען גיבט איהם א גוטן מח, א גוטן זיכרון, מיט א גוטע הבנה, ער האט א גוטן מח, אבער וואס טוהט ער מיט דעם מח וואס ער האט?! וואס טוהט ער מיט איהם?!

*

(השואל; ס'איז דא א ספר וואס שרייבט; "דער וואס האט נישט קיין גוט'ן מח איז א פארפאלענער") דער רבי זאגט נישט אזוי! דער רבי זאגט נישט אז ער איז א 'פארפאלענער'!

(השואל; נישט א 'פארפאלענער', נאר אז ער קען שוין נישט צוקומען צו די הויכע מדריגה אזוי ווי דער וואס איז געבוירן געווארן מיט א גוטן קאפ), מיר ווייסן ס'איז געווען דער בריסק'ער רב - רבי יהושע לייב דיסקין, און ס'איז געווען דער לאדזש'ער רב - רבי אליהו חיים מייזל, און ס'איז געווען רבי יצחק אלחנן - דער קאוונער רב, זיי דריי האבן געלערנט ביים בריסקער רב'ס פאטער - ער האט געהייסן רבי בנימין, ער איז געווען א צדיק, א גאון, און די דריי זענען געווען תלמידים ביי איהם.

און דער ערגסטער קאפ האט געהאט רבי יצחק אלחנן (דער קאוונער רב) - ער האט געהאט דעם ערגסטן קאפ! א שטיק האלץ! און זיי (די אנדערע צוויי) זענען געווען 'גאונים', האט ער אזוי פיל געוויינט פאר'ן אויבערשטן, ער פלעגט אריינלייגן דעם קאפ אינעם ארון קודש, ער פלעגט זאגן; "איך האב אויסגעוויינט דער מח"! "איך האב אויסגעוויינט דער מח"! און ער איז געווען "דער קאוונער רב", מיט "שאלות ותשובות"!

"איך האב אויסגעוויינט דער מח"! נו.

אז ער האט א 'מח מהיר וחריף' - האט ער! און אז נישט - קען ער איהם אויסוויינען!

אז ער האט א 'מח מהיר וחריף' און ער איז 'עוסק להגדיל מוחו ודעתו' איז ער עוסק כסדר אין 'מלאכת בנין בית המקדש'! אז מען האט נישט קיין 'מח מהיר וחריף' - ס'איז דא אזעלכע וואס האבן נישט - (זיי זענען) אויך געווען צדיקים, תמימים, און נישט אזוי גרוים אין השגות אלוקית! נו.[ה]

*

## 'רישא דפטישא'

אינעם היינטיגן זוהר שטייט,[ו] אז "רבי ייסא" - ער פלעגט זיין כסדר ביי רבי שמעון'ען, און ס'ווייזט אוים דארטן אז ער איז נאך געווען יונג, אמאל האט ער געזאגט צו רבי שמעון - אז רבי שמעון זאל איהם זאגן דארטן עפעס א זאך, האט ער (ר' שמעון) געזאגט; "און אז איך וועל דיר זאגן וועסטו געדענקען"? (האט ר' ייסא געזאגט); "יא, וואס איך לערן פונעם רבי'ן - געדענק איך אלעס"!

האט ער איהם געזאגט דארטן - און ער האט ווייטער פארגעסן! האט ער זייער אסאך געוויינט, ביינאכט האט זיך איהם געחלום'ט וואס רבי שמעון האט איהם געזאגט - און נאך עפעס דארטן ווערטער! צומארגנ'ס איז ער געקומען פאר רבי שמעון'ען, און האט איהם געזאגט וואס ס'האט זיך איהם געחלום'ט.

זאגט ער (ר' שמעון); "רביא" - דו ביסט נאך א קינד צו זיין שוין פון די "מחצדי חקלא"! - זיי הייסן 'מחצדי חקלא' רבי שמעון'ס חבריא - - "דו ביסט נאך א קינד, און מען האט דיר שוין אזויפיל געוויזן, און דו ווייסט נאכנישט"! אזוי האט איהם רבי שמעון געזאגט, שוין - פונדעסטוועגן איז ער געווען פון די חבריא - איז ער

---

[ה] עי' שיחות הר"ן סוף שיחה ע"ו.

[ו] פרשת יתרו דף ע"ט ע"א.

געוועזן, נאר ער איז נאכנישט געוועזן אזוי (גרויס), צום סוף איז ער געווארן גאר פון די - ער איז געוועזן 'רישא דפטישא'![ז]

*

ס'איז דא אזעלכע וואס ער ווערט געבוירן באלד אזוי (מח מהיר וחריף), (און ס'איז דא ווער) ער הארעוועט איהם אוים! ביים רבי'ן איז דאך געוועזן - דער עיקר איז נאר הארעוועזן![ח]

"רבי נחמן טולטשינער" - ער האט געהאט א געוואלדיגען מח, און א געוואלדיגער 'חכים' איז ער געוועזן, א חכים געוועזן ממש - מען האט געדארפט כאפן יעדערווארט, אזא חכמה האט ער געהאט אין זיך!

און דאס איז געוועזן פון 'רוב קדושה'! 'קודש' איז 'מוחין' - זאגט דער רבי, "קודש דא חכמה",[ט] פון רוב קדושה באקומט מען א מח!

דאס האבן מיר געזעהן, "פראסטע מענטשן" האבן געהאט אזעלכע איידעלע געדאנקען אין זיך! אז זיי האבן געזאגט א ווארט - האט געשמעקט דער ווארט! און דער ווארט איז געליגן 'חכמה'! 'קודש' איז 'חכמה'!

*

# 'חכמים המה להרע'

אין אמת'ן איז דאך דער מח 'אלקות', "ונשמת שדי תבינם",[י] דער נשמה איז דאך דער מח, "הנשמה שבמח", דער מח איז דאך גאר 'אלקות', נאר וואס דען? אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען היט איהם אפ, אז איך וויים ווער דער מח איז, אז נישט - זאגט דער רבי דארטן ס'איז "גלות השכינה"! דער מח איז 'אלקות', און אז ער נעמט אריין אין מח אריין 'נארישקייטן', איז ממש - דער שכינה איז ביי איהם אין גלות! ס'איז "גלות השכינה"!

---

[ז] עי' זוה"ק פרשת שמיני דף מ"א ע"א.

[ח] עי' שיחות הר"ן אות קנ"ח, קס"ה, ק"ע.

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' פ', ועוד הרבה.

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קצ"ב.

"מלך אסור ברהטים", 'מלכות' איז דאך דער 'שכינה הקדושה' - איז אנגעקניפט אין די מוחין! איז אז ער האט מוחין, שיינע מוחין, וויל דארטן דער שכינה זיין - איז זי נישט אין גלות! דאס איז אינגאנצן איר חיות - זי זאל דארטן זיין! אבער אז נישט - איז טאקע "שכינתא בגלותא"!

די 'מחקרים' וואס זענען געווען געוואלדיגע בעלי מוחות זענען זיי געווען, געוואלדיגע 'מוחות' האבן זיי געהאט! נו (מה הועיל להם חכמתם).

*

# 'מלכות - דלית לה מגרמה כלום'

די אלע שבע ספירות - דאס איז די מדות הקדושות, וואס דערפון בויעט זיך אלעס! למשל מיר רעדן - די ספירה פון 'חסד', ס'גייט א השפעה מלמעלה פון 'חסד', 'חסד' איז 'אהבה', און טוהן חסדים מיט יענעם, און אהבת השי"ת, אהבת התורה, אהבת הצדיקים.

און (לעומת זה -) 'חסד' - די אלע גרעסטע בעלי עבירות זענען אלס פון חסד, חסד איז דאך אהבה, אהבות הנפולות, איז דא רח"ל אלע עבירות, אלע תאוות רעות, אלע זנות מיט די אלע - איז אלס פון 'חסד'! דאס איז 'אהבה'!

די ספירה הקדושה - אז ס'גייט אראפ מלמעלה - גייט אראפ א השפעה פון חסד, אבער ס'גייט נישט אראפ מיט קיין 'כלי', מיט קיין 'ציור' - ס'זאל מיר מצייר זיין אז איך זאל האבן חסד פון אהבה דקדושה! דאס דארף איך שוין אליין מאכן - דעם ציור! 'איך' דארף זיין דער צייר!

די 'כלים' גיבט מען מיר, די 'כלי' - געצייג' גיבט מען איהם, אבער איך דארף זיין דער צייר! איך דארף מאכן דעם ציור! נעמען דעם חסד - און ארייננעמען חסד אויף אהבת התורה, צו טוהן חסד מיט מצוות און מעשים טובים, מיט צדקה וחסד!

'גבורה' ווייטער, גבורה באטרעפט 'יראה'! דער ספירה הקדושה פון גבורה - יצחק איז גבורה! אברהם איז חסד, יצחק אבינו - ער איז גבורה! און (לעומת זה -) ווי א רוצח, א גזלן, נעמט זיך פון גבורה! פון וואנעט נעמט זיך א רוצח? פון גבורה!

ער נעמט די גבורה ער ווערט א רוצח, ער הרג'עט מענטשן! אבער דאס איז אלס פון די ספירה פון גבורה!

די ספירה פון גבורה גיבט ארויס 'יראי השם', גיבט ארויס 'יצחק אבינו' - גיבט עס ארויס, און (לעומת זה -) גיבט עס ארויס 'עשו', עשו - א גיבור, א רויטער, ער האט געקענט הרג'נען וועלטן!

דאס אייגענע איז 'תפארת', 'יעקב' איז תפארת! אברהם איז חסד, יצחק איז גבורה, יעקב איז תפארת! 'תפארת' דאס איז שוין א התחברות פון צוויי זאכן, 'תפארת' איז א ענין פון עטליכע גוונים, 'תפארת' - זאגט דער רבי אין די תורה,[יא] "תפארת ממדות הנפולין"! "תפארת אדם לשבת בית", זאגט דארטן רש"י - דאס מיינט מען עבודה זרה גאר![יב]

די אלע הייליגע ספירות - דער ספירה פון 'נצח', 'נצחון דקדושה'[יג] איז דאך א געוואלדיגע זאך, און (לעומת זה -) 'נצחון' איז דאך א 'רוצח', א 'נצחן', ער פירט אוים!

דער אייבערשטער האט געגעבן "זיבן ספירות", די ז' ספירות דאס איז דער יסוד פון דער וועלט, אבער זיין דער צייר פון די ז' ספירות - דארף איך ווערן א צייר! אליין מצייר זיין זיי!

רבי נתן זאגט אין אן הלכה,[יד] אז 'נצח' האט אין זיך צוויי טייטשן; 'נצח' איז דער טייטש 'אייביג', און 'נצח' איז דער טייטש 'איבערשפאַרן'!

זאגט רבי נתן אזוי; וועלכעס הייסט א נצחון? אז דיביידע טייטשן זענען צוזאמען - אז ס'איז אויף 'אייביג', איך 'שפאר איבער' - אז ס'איז אויף 'אייביג' די זאך - דעמאלטס האב איך א 'נצחון'! אבער טאמער ס'איז נישט אויף אייביג, איך 'שפאר איבער', איך בין אן עקשן, איך הרג'ע יענעם, אפילו איך שפאר איבער - האב

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ז.

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"א אות ז'.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ב.

[יד] ליקוטי הלכות - ברכות הראייה וברכות פרטיות הלכה ה' אות ב', עיי"ש באריכות.

איך נאר איינע טייטש נאר! איך האב נאר איבערגעשפארט - אבער אויף אייביג איז נישטא!

ווען איך וועל מיט 'נצח' - 'נצחון' … 

וועלכעס הייסט א נצחון - וואס דו דארפסט זיך אוועקלייגן זיך און וועלן אויספירן דאס?! אז ס'איז אויף אייביג! ס'איז אייביג!

'אייביג' איז דאך 'נצחיות', די וועלט איז נישט קיין אייביגע וועלט, אז ער וועט שוין זיין א נצחון, ער וועט שוין האבן אלע עשירות'ן פון דער וועלט, איז דאך נאכנישט אויף אייביג! איז וואס האט ער דא מנצח געווען?! ער האט אפגעהארעוועט אלע יארן א 'נצחון', וואס האט ער - איז אויף אייביג? דארטן איז דאך נישט דא גארנישט!

איז וועלכעס הייסט א נצחון - וואס ער דארף זיך אוועקלייגן און וועלן אויספירן מנצח זיין?! זאגט רבי נתן אין א הלכה - ס'זאל זיין ביידע טייטשן זאלן זיין צוזאמען! איך פיר אוים - אבער ס'איז אויף 'אייביג' - הייסט עס א 'נצחון'! דאס איז די ספירה פון 'נצח'.

די זיבעטע ספירה איז 'מלכות', מלכות אליין - "לית לה מגרמה כלום"[טו] - פון זיך אליין האט מלכות גארנישט, און יעדע ספירה מוז אנקומען צו מלכות!

למשל - מיר רעדן פון 'חסד', 'חסד' מוז אנקומען צו 'מלכות', זיין א 'מושל' מיט'ן 'חסד'! וויאזוי זאל איך אויסנוצן זיך מיט 'חסד'? 'מלכות' איז א מושל אויף אלדינגס, אבער ער אליין איז גארנישט, אויף וואס איז ער א מושל? ער איז א מושל מיט'ן 'חסד'! ער איז א מושל מיט די 'גבורה'! און 'מלכות' אליין האט פאר זיך גארנישט - אבער יעדער איינער מוז אנקומען צו איר! זי דארף מושל זיין "מיט אלע", אבער זי אליין איז "לית לה מגרמה כלום"!

אזוי ווי די 'לבנה' - "לית לה מגרמה כלום"! דאס איז די קלענסטע ספירה - און אלע מוזן אנקומען צו איר!

אויב איך וועל האבן די מידה פון 'מלכות' - וועל איך מושל זיין וויאזוי איך וועל זיך פירן מיט'ן 'חסד', וויאזוי איך וועל זיך פירן מיט די 'גבורה', מיט 'תפארת'!

---

[טו] זוה"ק פרשת ויחי דף רל"ח ע"א, מובא הרבה בליקוטי מוהר"ן, עי' תו' א' ועוד הרבה.

איז דער 'מלכות' נאר א מושל אויף די אלע 'פארמעגן' וואס מען האט דא אויסגערעכנט - די זעקס פארמעגנ'ס!

'מלכות' איז דאך גאר 'שבת'! די גאנצע וואך איז די ו' ספירות, און שבת איז 'מלכות', שבת איז גאר 'אסור במלאכה', שבת טאר מען גאר קיין שום זאך נישט טוהן, און שבת ווערט גאר פון זיך אליין די בריאה, און די גאנצע חיות - שבת איז דער חיות פאר די גאנצע וואך, שבת איז משפיע אויף דער גאנצער וואך! דער תירוץ איז - 'מלכות' פאר זיך האט זי גארנישט, אבער ווי איך גיב זיך א ריר - מוז איך אנקומען צו מלכות, ער איז מושל איבער אלע![טז]

*

(אחד מהנוכחים: אין תורה א' שטייט מען קען צוקומען צו 'חכמה' נאר דורך 'מלכות', זאגט ר' אברהם ר' נחמנ'ס א מושל אויף זיך!)[יז] יא יא, דורך מלכות! מלכות איז א מושל, און מלכות אליין איז גארנישט!

'מלכות' ווייטער - איז 'לבנה', אזוי זאגט דער רבי דארטן, "והיה הלבנה כאור החמה", לבנה אליין האט נישט פון זיך גארנישט, "אין מלך בלא עם", דער מלך מוז האבן - איבער וועמען איז ער א מלכות! א מלכות איבער אלע זעקס ספירות, העכער פון די ספירות, ער איז א מושל מיט ספירות, מען זאל זיי פירן וויאזוי מען דארף! פארשטייסט? מען זאל יעדע ספירה אויסנוצן אזוי ווי איך דארף - מוז איך אנקומען צו א ענין פון 'מלכות'!

*

דאס וואס דער רבי רעדט אין תורה נ"ו,[יח] "והיתה לה' המלוכה", דער מלוכה וואס מען גוט דיר זאל זיין לה'! דער מלוכה וואס מען האט דיר געגעבן זאל זיין לה'! אה, מען האט דיר געגעבן א מלוכה? 'מלכות' דארף זיין א מושל אין די זעקס ספירות - מצייר זיין לברכה ולטובה!

'מלכות' - איז דא רשעים מלכים, געוואלדיג וואס זיי קערן איבער די וועלט.

---

[טז] (עי' ליקוטי הלכות הל' מילה ד' אות י"ג).

[יז] ביאור הליקוטים, ד"ה יצר טוב וכו'.

[יח] שם אות ב'.

אז דער אויבערשטער העלפט, אז די אלע ז' ספירות - און מלכות - נעמט מען אריין אין די קדושה, מען איז מושל אויף זיי אלע, איז עס א זאך!

*

# 'תורה - ותפלה'

דערפאר האט דער רבי געהאלטן מען זאל מחבר זיין 'תורה' מיט 'תפילה',[יט] ווייל דער ענין פון 'מלכות' אליין - די תורה ווערט דאך אנגערופן 'מלכות' - זאגט דער רבי אין תורה ד',[כ] "בי מלכים ימלוכו", איז דער תורה אליין מוז אנקומען צו א ענין פון 'תפילה'!

אז די 'תורה' איז מיט 'תפילה' - די ביידע צוזאמען - דאס קען איך אויספירן! זיין א מושל מיט אלע ספירות הקדושות, און מצייר זיין לטובה די אלע ספירות אליין - קען איך בשום אופן נישט, נאר מען מוז מצרף זיין תפילה!

איך דארף טאקע זיין א מושל, נאר וואס דען? מיט תפילה! אסאך בעטן דעם אויבערשטן, בעטן דעם אויבערשטן; "דו האסט מיך געגעבן א כח פון אהבה, זאל איך עס אויסנוצן אויף אהבה דקדושה, אהבת התורה, אהבת השי"ת, אהבת הצדיקים"! "דו האסט מיך געגעבן א ענין פון גבורה, איך האב אין זיך שטארקייט, זאל איך עס אויסנוצן אין די קדושה, יראת השם, יראת חטא, יראי השם יכבד, אזוי ווי מען דארף האבן - מורא רבך, א ענין פון יראה"!

און אזוי אלע ספירות הקדושות - "דו האסט מיר געגעבן א כח פון נצחון, זאל איך עס אויסניצן אזוי ווי מען דארף - ווען מען דארף האבן נצחון"! אין די אלע ספירות הקדושות, אין די אלע זאכענישן, מוז מען מצרף זיין תפילה!

*

# 'החכמה תחיה בעליה'

(השואל; רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט אין די עלטער, ער האט אויפגעהערט מחדש זיין, ווייל ער האט נישט דער כח התפילה פון די יוגענט?) רבי אברהם ר' נחמנ'ס, זיינע

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תנ' כ"ה תנינא בסופו.

[כ] אות ו', (ועי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש הל' ה' באריכות).

חידושים וואס ער האט מחדש געווען - דעם "ביאור הליקוטים" - האט ער מחדש געווען בימי חורפו.

אונזערע לייט פלעגן זאגן - אזא מין יוגענט ווי ער האט געהאט, איז בימי רבינו נישט געווען!

איז ער געווען א חידוש מיט זיין יוגענט וואס ער האט געהאט! אזא ימי חורפו האט ער געהאט, דאס האב איך געהערט פון זיין שוועסטער 'רחל', זי פלעגט איהם רופן "מיין אברהם'ניו", צענדליגער יארן איז ער אוועקגעגאנגען מוצאי שבת, און געקומען פרייטאג פארנאכט אהיים! ער איז געווען אין וואלד צענדליגער יאר, דאס איז געווען זיין ימי חורפו, און דארטן האט ער געמאכט דעם "ביאור הליקוטים"!

זעהען מיר שוין וואס פאר א מין סארט הייליגער ספר דאס איז, וואס פאר א הייליגע מוחין דארט ליגט, וויאזוי ער האט זיך איבערגעגעבן!

א מענטש - איך וויל זיין א וואך אין וואלד - מוז איך זיך מצמם זיין, איך בין דאך א מענטש אין דער וועלט! מוז איך האבן עסן, און שלאפן, און האבן מוחין אויף צו מחדש זיין!

איך וועל אָפּזיין א וואך אין וואלד, און שלאפן אויף א שטיין, וואס וועל איך עסן? ברויט מיט וואסער?! און וואו וועל איך ליגן?! וועל איך דאך קיין מח נישט האבן! וועל איך דאך גארנישט האבן! אז איך וועל נישט האבן קיין מח, נישט איך וועל דאווענען - לערנען!

מוז מען דאך זאגן, אז דער מענטש האט געהאלטן דער מח! דער מענטש האט דאך זיך נישט געקענט אָפּנאַרן זיך, אפליגן א גאנצע וואך, אפשלאפן - און גארנישט האבן! דער מענטש האט געהאלטן - דער מח האט געארבעט! מחמת רוב קדושתו - האט דער מח געארבעט!!! האט ער געקענט זיך דארטן זיך באגעגנען זיך, און ס'זאל זיין "החכמה תחיה"[כא] - ס'זאל לעבן!

---

[כא] עי' חיי מוהר"ן אות רל"ח.

קען מען פארשטיין וואס דער מענטש האט זוכה געווען, נאך אזוי פיל יארן, וואס פאר א סארט קדושה דער מענטש האט געהאט אין זיך! וואס ער האט זוכה געווען - טאקע געוואלדיג געווען!

*

# "דו קערסט קיין ארץ ישראל"

איך האב געהערט פון מענטשן - איך האב נאך געקענט מענטשן וואס זענען געווען עלטער פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, זיי האבן איהם נאך געדענקט פון די יוגענט, האבן זיי מיר געזאגט; "ווען ער וואלט געווען זיין בימי רבינו, וואלט ער געווען גאר א חידוש אינעם רבי'נס צייטן"! מיט זיין עבודה וואס ער האט געהאט אין זיך!

ער האט געהאט א הויכער מח, ער האט געהאלטן נאך - ביי די זעקס יאר, א קינד פון זעקס יאר, און זיין טאטע איז געווען א ארימאן, "רבי נחמן טולטשינער", א קינד קומט אהיים פונעם חדר, אזוי איז דער שטייגער - "מאמע גיב עפעס מיר צו עסן", אבער ער איז קיינמאל נישט צוגעגאנגען "מאמע גיב מיר עפעס צו עסן"! ער האט אריינגעלייגט דעם קאפ - אריין אין דעם שאנק, און ער איז געשטאנען אזוי אינעם שאנק, געקוקט ספרים, ביז מען האט איהם צוגערופן "אברהם, גיי עסן", איז ער געגאנגען עפעס עסן!

האט רבי נחמן טולטשינער דאס געזעהן, האט ער איהם געזאגט; "דו קערסט קיין ארץ ישראל"! האט ער איהם געזאגט נאך קליינערהייט; "חוץ לארץ קען דיר נישט סובל זיין, דו קערסט אויף ארץ ישראל"!

נו, אויף דער עלטער האט ער טאקע געזאגט, ער איז געווען אזוי קראנק (אז אמר רבי אברהם); "איך זאל ווען פאלגן דעם טאטע'ן וואלט - (איך נישט אזויפיל געליטן).[כב]

ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל תרנ"ד, נ"ד דעמאלטס איז ער אלט געווען שוין - ער איז געבוירן געווארן תר"ט - איז ער נ"ד אלט געווען פינעף און פערציג

[כב] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים, אות מ"ז.

יאר, איז ער אוועקגעפארן אויף דער עלטער, (האט ער געזאגט אז) ער וואלט געדארפט פאלגן דעם טאטע'ן - אוועקפארן (פריער קיין ארץ ישראל).

(השואל; קינדער האט ער געהאט נאר אין ארץ ישראל?) יא! דא האט ער געהאט קינדער, אין ארץ ישראל האט ער געהאט - דריי קינדער געהאט! ער האט שוין געהאט א טאכטער וואס איז שוין געווען ראוי לנישואין! (השואל; זיי זענען אלע אומגעקומען? עס איז נישט געבליבן פון איהם קיין קינדער?) ניין! פון הונגער -ביים טערק! זיי ליגן אלע אין ארץ ישראל, ביים טערק איז געווען א הונגער ממש, מענטשן זענען געפאלן אין די גאסן, דעמאלטס זענען אלע זיינע קינדער אוועק![כג]

*

"רבי אברהם ר' נחמנ'ס" איז געבוירן געווארן תר"ט, און נפטר געווארן תרע"ח, ער איז אלט געווען ניין און זעכציג יאר! ווערדליג ער איז געווען א קראנקער מענטש - האט דאס געהייסן 'אריכת ימים'!

ער פלעגט זיצן מיט אונז - רעדן דארטן, אז מען איז געזיצן ביים טיש - האט מען געזעהן די שמערצן אזוי גרוים, ער האט געהאט 'חולי מעיים', ער האט געטרונקען הייסע טיי, ער האט תמיד געהייסן ברענגען זיך הייסע טיי, ער איז געזיצן און געטרונקען די הייסע טיי, איז איהם אביסל געווארן גרינגער! ער האט געלערנט מיט אונז - דארטן גערעדט פון רבי'ן.

(השואל; אין די עלטער האט ער נישט מחדש געווען?) ניין ניין! ער האט געזאגט, אז אויף די עלטער איז ער נישט מחדש! דאס (החידושים שלו) איז אלץ פון די יוגענט, ער האט נישט געהאט די מוחות נאר פון די יוגענט!

- נאר וואס דען - מיר האבן איהם געקענט אויף דער עלטער, אויף דער עלטער - (איז ער אויך געווען גאר גרוים).

*

[כג] שמות צאצאיו; שרה (נלב"ע י' אייר), שאשע פרומע עטל (נלב"ע כ"ו כסליו), מנחם מנדל (נלב"ע ט"ז טבת), אמם - מחברתו של ר' אברהם בזוו"ש - מרת לאה בת ר' נפתלי כהן ע"ה (נלב"ע כ"ג אייר).

# 'דאחיד בשמיא ובארעא'

(רבי בירך רובינסאהן ז"ל; איר האט נאך געזעהן 'שלמה גבריאל' דארטן?) יא! שלמה גבריאל[כד] האב איך געזעהן צוויי מאל, ראש השנה פון תרע"ה - - (ר"ב; ער איז געווען זיין גאנצער 'יד ימין') אה, אה האט ער געקלעבט צו רבי אברהם ר' נחמנ'ס!

(ר"ב; ער האט זיך געפירט מיט א ביסל שארפקייט, א אנדערע וועג געגאנגען עפעס?) ער איז נישט קיין אנדערע וועג געגאנגען, נאר - - (ר"ב; אין ווארשע האט ער געהאט אן עולם וואס זיי האבן פראבירט עפעס אזוי גאר גאר שטארק), יא יא, איך האב געהערט, איך האב געהערט, איך וויים - -

- "רבי אברהם ר' נחמנ'ס", מיר האבן איהם געקענט, ער איז געווען א געוואלדיגער (- נח לבריות)! אפילו אין די צייטן וואס ער איז געווען בימי חורפו, איז ער געווען א דומיט'דיגער מענטש - אזא מין גוטער מענטש! (טוב לב).

ער איז געקומען אהיים פון דער וואך (ששהה חוץ לעיר כנ"ל), האט ער גערעדט מיט איר - מיט די בני בית - מיט אזא מין פיוס! (כאטש) א גאנצע וואך נישט געווען אינדערהיים, איז געווארן ביי איר ניחא דער גאנצער וואך! ער האט געהאט א 'מין חכמה' געהאט אין זיך, א חכמה! שלימות - (רצ"ל להיות רק עסוק בעבודה, ולהפקיר את שלום ביתו לגמרי) - די זאך טויג דאך אויך נישט! ער איז געווען א געוואלדיגער סארט מענטש (נוח לשמים ונוח לבריות)!

און שלמה גבריאל - איך האב געהערט אז ער איז געגאנגען אזוי שארף, (השואל; שארף 'בין אדם לחבירו', אדער אין עבודה?) אין עבודה! אבער ביי ר' אברהם ר' נחמנ'ס האבן מיר עס נישט געזעהן, מיר האבן עס נישט געזעהן! (השואל; אין עבודה איז רבי אברהם אויך נישט געווען שארף?) ניין! נישט אויף דעם אופן!

בשעת רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געהאלטן ביי דער עבודה, האט ער יענעם געגעבן 'התחזקות'! ער האט יענעם אזוי מחזק געווען! ער האט געוואוסט אז יענער איז נישט זיך - אז נישט יעדער איינער קען האלטן דערביי, דאס האט ער געוואוסט!

*

[כד] מגדולי המקורבים מפוילן.

דאס איז דאס גרויסקייט פונעם צדיק! דער צדיק איז אזוי גרויס, און א מטייל אין 'גנזייא דמלכא'[כה] און אלעם - און ער שרייעט "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש"![כו] און "צו איהם ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי קארג"![כז] און ער אליין איז אזוי הויך, אזוי גרויס!

דער תירוץ איז - דאס איז א שלימות'דיגער צדיק! אז ער קען מיט יעדעם איינעם האנדלען! ווייל ער לויפט אין די עולמות - און פונדעסטוועגן ביי איהם פאלט נישט אראפ דער גרעסטער חוטא ופושע!

דאס איז דאך א געוואלד! דאס איז דאך א געוואלד! א מענטש וואס האלט אזוי הייליג, מיר ווייסן וואס הייסט 'עולמות'?! מיר זאגן 'עולמות' - מיר ווייסן וואס הייסט 'עולם האצילות'?! מיר ווייסן נישט וואס דאס הייסט! אבער זיי זענען דאך מטייל אין די אלע עולמות! זיי זענען דאך מופשט פון די אלע גשמיות'ן! און דא - איז ער שוין מחזק דעם גרעסטן בעל עבירה!!!

דאס איז "כי כל - דאחיד בשמיא וארעא"![כח] אט האלט ער אָן 'בשמיא', אט האלט ער אָן 'בארעא'! - דער רבי זאגט אין תורה ס"ח (תניינא) אז "אינו צדיק כלל"! א געוואלדיגער לשון - זאגט דער רבי - דער אמת'ער צדיק איז "למעלה ולמטה", ער זאל קענען ווייזן דער וואס איז "למעלה במדריגה עליונה" - זאל ער איהם ווייזן אז ער ווייסט נאך גארנישט, גארנישט! און 'ווייזן' - נישט גלאט 'זאגן'! און דער ווייטער וואס איז 'למטה' - זאל ער איהם ווייזן אז דער אויבערשטער איז נאנט, ער איז נאנט צו השי"ת, דער אויבערשטער איז דא לעבן איהם! דארף ער האבן ביידע כוחות!

זאגט דער רבי ווייטער; און דער 'שלימות' איז - "מוכרח שיהיה להצדיק, ובלא זה אינו צדיק כלל"! ער איז גאר קיין צדיק נישט - זאגט דער רבי!

*

[כה] עי' שיחות הר"ן אות קל"ד.

[כו] עי' שיחות הר"ן אות קנ"ג.

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא - תו' ז' ותו' ס"ח.

# אינו 'צדיק כלל'...

וועל איך נאכזאגן א ווארט פון רבי אלחנן (- ספעקטאר ז"ל), ער האט געזאגט א גוטער ווארט דא - אין תורה ס"ח אין די אנדערע חלק - "זה השלימות מוכרח שיהיה להצדיק, ובלא זה אינו צדיק כלל", ס'איז א געוואלדיג וואס ס'שטייט! ס'איז געווען צדיקים גרויסע, וואס זיי האבן נישט דעם כח אז - ווייזן דעם 'גרויסן' אז ער איז גארנישט, און דעם 'קליינעם' - אז דער אויבערשטער מיט איהם! "ובלא זה אינו צדיק כלל" - זאגט דער רבי!

האט רבי אלחנן אזוי געזאגט - ס'איז א גוט ווארט - ס'איז דא א 'צדיק כלל' (עפ"י הלשון בלקו"מ; ובלא זה אינו 'צדיק כלל'), און ס'איז דא א 'צדיק פרט'! א 'צדיק פרט' איז א צדיק 'פאר זיך', א צדיק פאר'ן 'כלל' איז ער נישט! אזוי האט ער געזאגט - ר' אלחנן.

ער איז נישט קיין 'צדיק כלל', ער איז נישט קיין 'צדיק כללי', ער איז א צדיק - פאר 'זיך' איז ער א צדיק! אבער זיין א צדיק פאר'ן 'כלל' - פאר די גאנצע וועלט, מוז ער האבן די שלימות'ן - ער זאל קענען ווייזן דעם גרעסטן אז ער ווייסט גארנישט (און פאר'ן קלענסטן אז ער איז נאנט צום אויבערשטן)!

*

# 'לדעת בארץ דרכך'

אז "רבי יודל" איז געווארן מקורב צום רבי'ן - רבי יודל איז געווען א תלמיד ביי "רבי פנחס קאריצער"! עפעס א קלייניגקייט? ביי רבי פנחס קאריצער! "א שטיק צייט איז ער געווען א חד בדרא"[כט] - זאגט דער רבי, א געוואלד, "רבי פנחס קאריצער", די וועלט האט פאר איהם געציטערט, א געוואלד!

האט ער איהם (- רבי יודל) געוויזן אז ער ווייסט גארנישט (כדהלן)! דער רבי איז דעמאלטס געווען א יונגערמאנ'טשיקל פון 'עטליכע און צוואנציג יאר', ער איז נאר אריינגעקומען אין מעדוועדיווקע - ביים אנהויב ווען ער איז געווארן א רבי, און ער איז געווען עלטער פונעם רבי'ן מיט 'פופצן - זעכצן יאר', ער איז אלט געווען שוין א

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

'זיבן - אכט און דרייסיג יאר' ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, און (איז געווען פאר דעם) א תלמיד ביים רבי פנחס קאריצער, רבי פנחס קאריצער איז נפטר געווארן תקנ"א, און ער איז מקורב געווארן תקנ"ב צום רבי'ן, אין די יארן!

א צדיק וואס איז געווען ביי רבי פנחס קאריצער א תלמיד, און ער איז געווען "רבי לייב סטראסטינעצער'ס" אן איידעם, וואס רבי לייב האט געזאגט; "אז מיין איידעם זאל ווען דא זיין, וואלט ער מיר נישט געלאזט נסתלק ווערן"![ל]

ער איז געווען געוואלדיג גרויס! און אלע - זענען געווען זיינע תלמידים, "רבי שמואל אייזיק" איז געווען זיינער א תלמיד - רבי יודל'ס, און "רבי בער", גאנץ דאשיב איז געווען זיינע תלמידים, רבי יודל'ס תלמידים!

ער איז דאך א 'רבי' געווען פריער אין דאשיב, האט ער אוועקגעווארפן זיין רבי'שקייט, און ער איז געקומען צום רבי'ן קיין מעדוועדיווקע, און אפגעווען 'זעקס וואכן' ביים רבי'ן! ביים אנהויב התקרבות איז ער 'זעקס וואכן' געווען ביים רבי'ן, און נאכדעם האט ער געזאגט; "ווי קען מען זיין ווייט פון א רבי'ן"?! איז ער ארויס קיין מעדוועדיווקע, און געוואוינט אין מעדוועדיווקע! "ר' יודל מ'מעדוועדיווקע".

פריער איז ער געווען 'זעקס וואכן' ביים רבי'ן, ביז ער איז געווארן מקורב, נאכדעם זאגט ער "ער קען נישט אפפארן אויף דאשיב"! דער איינציגער תלמיד וואס ער האט אוועקגעווארפן דאשיב, און ער איז געווארן אינגאנצן אָן פרנסה! (שמקודם היה מקבל בדאשיב מעמדות מאנשי העיר), און ער איז געווען מיטן רבי'ן, און אלע טאג אריין צום רבי'ן!

אבער ווי איז דאס געווען?! ביים אנהויב איז ער דאך - דער רבי האט דאך איהם ממש (מרחק געווען), "לדעת בארץ דרכך" - האט דער רבי דאך איהם געזאגט! "לדעת בארץ" - דו ליגסט נאך אין 'ארציות' - ווילסטו וויסן א 'דרך' אין עבודת השם?![לא]

רבי יודל ליגט אין 'ארציות'? וואספארא 'ארציות' איז געווען ביי איהם?! א הימל מענטש געווען! א בעל מדריגה! וואס? דער תירוץ איז, אז דער צדיק דארף ווייזן

---

[ל] עי' חיי מוהר"ן אות תרי"א.

[לא] עי' שיחות הר"ן אות רצ"ב, וכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ג.

דעם גרעסטן אז ער ווייסט גארנישט! און ער האט איהם טאקע געוויזן אז ער ווייסט גארנישט! ער האט איהם געוויזן אז ער ווייסט גארנישט - און דערמיט האט ער איהם מקרב געווען!

ווארן דער צדיק - ער וויל דאך נישט אז מען זאל איהם זאגן אז "דו קענסט"! ער וויל דאך נאך מען זאל איהם ווייזן "אז ער קען נישט", ער וויל דאך דאס! ער ווייסט דאך אז דער אויבערשטער איז א 'אור אין סוף', קדושתו איז 'הפלא ופלא אין סוף', איז אויב מען וועט איהם זאגן אז "דו ביסט", און "דאס איז דאס", איז ווי קען ער מוסיף זיין קדושה ודעת?! ווי קען ער גיין העכער - אז מען וועט זאגט איהם אז דאס איז עס?! מוז ער איהם דאך ווייזן אז ער ווייסט נאך גארנישט![לב]

*

ס'איז טאקע דא א לשון פון זוהר הקדוש,[לג] ער גייט און גייט, אויבן זאגט מען איהם 'מה'?! "וואס האסטו געזעהן"?! ער לויפט, ער לויפט, אויבן זאגט מען 'מה'?! וואס האסטו געזעהן?! איז אויבן זאגט מען 'מה'!

נישט מען 'זאגט', נאר מען 'ווייזט איהם'! מען דערוועקט זיך אזוי - "איך ווייס נאך גארנישט"! איז נאך דא א צדיק וואס ער קען דאס ווייזן?! און די גדולים ווילן דאך דאס - זיי ווילן דאך מען זאל זיי ווייזן!

*

# זה השער לה'!

פון רבי'ן "רבי אלימלך" שטייט,[לד] רבי אלימלך האט געזאגט; **פתחו לי שערי צדק - זה השער לה'**, האט דער רבי ר' אלימלך אזוי געטייטשט, דער "שער לה'" איז - אז ער שרייעט כסדר "פתחו לי שערי צדק" - "עפען מיר אויף", דאס איז דער שער לה' - דאס אז ער שרייעט "עפען מיר אויף דער טויער", דאס איז דער שער לה' - אז ער ווייסט אז ס'איז דארטן דא טויערן, טויערן, טויערן, טויערן! טאמער וועט

---

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ג; ... כִּי כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיוֹדֵעַ יוֹתֵר, הוּא יוֹדֵעַ שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל ...

[לג] עי' הקדמת הזוהר דף א' ע"ב.

[לד] עי' נועם אלימלך בליקוטי שושנה, ד"ה פתחו לי שערי צדק.

ער מיינען אז מען האט איהם שוין געעפענט דעם טויער - איז דאס נישט קיין "שער להי"! דער שער להי וואס "צדיקים יבאו בו", איז - תמיד שרייען דעם "פתחו לי שערי צדק"! אזוי שטייט פונעם רבי'ן רבי אלימלך.

אה! אַדאָס איז דער כח פון דעם צדיק! ער ווייזט איהם 'כסדר' אז ער איז נישט! און דאס דארף ער האבן (אותו הגדול במעלה)! און דעם קליינער ווייטער - דער קליינער ווייסט דאך אז ער ווייסט גארנישט, ער ווייסט דאך ווער ער איז, איז איהם דארף מען דאך ווייזן "דער אויבערשטער וויל דיך נאך"! ער ליגט דאך אין א יאוש - (דארף מען איהם ווייזן אז) "דער אויבערשטער וויל דיך נאך"! "ער קוקט ארוים אויף דיר, און ער וויל דיך נאך"!

*

רבי נתן ברענגט דארטן אין א הלכה אין ביקור חולים,[לה] איינער - אז ער קומט צום מלך און ער איז געזונט, איז א גאנצע לימוד פאר איהם וויאזוי ער דארף זיך פירן, ער דארף גיין אנגעטוהן מיט אנדערע בגדים! און בשעת ער איז געזונט - נישט בשעת ער איז קראנק - אמאל אז די חושים איז נישט אזוי בשלימות, טאר ער נישט קומען צום מלך! און ער דארף זעהן מתקן זיין דעם דיבור, טאמער דער דיבור איז נישט כהוגן איז ער 'מורד במלכות'!

אבער אז דער מענטש איז קראנק, און דער מלך איז מקיים 'ביקור חולים' - דער מלך גייט איהם מבקר חולה זיין, איז ער פטור פון אלדינגס! אדרבה - אז ער וויל זיך אויפהייבן, זאגט דער מלך; איך דארף נישט, הייב זיך נישט אויף איצטערט! איין זאך וויל דער מלך פון איהם - "דו זאלסט וויסן איך בין ביי דיר אין שטוב", מער נישט! עס גייט מיר איצטער נישט אָן דעם כבוד, נאר דו זאלסט וויסן איך בין ביי דיר אין שטוב - דאס דארף איך דו זאלסט וויסן!

דאס איז דער צדיק מודיע דעם קליינעם מענטשן; "דער מלך איז ביי דיר"! נאר וואס דען - דו ביסט קראנק - אבער דער מלך איז ביי דיר, ער קומט צו דיר אין שטוב אריין!

*

[לה] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות י"ד.

# 'בקי ברצוא - בקי בשוב'

דאס זאגט דאך דער רבי אין די תורה פון "קרא את יהושע",[לו] "אני לדודי ודודי לי", דאס איז די 'בקיאות', אמאל איז "אני לדודי" - איך דארף גיין צום אויבערשטן, און אמאל "ודודי לי" - דער אויבערשטער גייט צו מיר! דאס איז דער בקיאות - אז איך בין קראנק, און דער אויבערשטער קומט מיך מבקר חולה זיין, גייט ער צו מיר, קומט ער צו מיר! דאס איז א וועג פון "ואציעה שאול הנך", "בקי בנפיק"! אבער אז איך בין געזונט, דארף איך לויפן, "אני לדודי", דארף איך גיין צו איהם!

זאגט דער רבי - דאס איז צוויי בקיאות'ן! דער "אני לדודי" איז פשט - לויף צום אויבערשטן! וואס איז 'דארטן'? זאלסטו וויסן "אם אסק שמים שם אתה", וויסן אז דארטן - דו זאלסט נישט מיינען אז דו ביסט שוין פארטיג, דו זאלסט נישט מיינען אז דו האסט שוין עפעס!

*

דאס איז דאך וואס מיר רעדן דא, דעמאלטס (ווען ער איז געזונט) דארף מען איהם ווייזן "דו ביסט גארנישט"!

און ווער איז דער דאזיגער? ווער קען דאס ווייזן? איז דא אזא מין 'צדיק' - ער קען דאס! ער קען דאס!

און דאס איז א 'סימן' אז דער מענטש וועט ווערן מקורב צום צדיק - אז ער ווייזט איהם טאקע אז ער ווייסט גארנישט! ווייל דאס קען זיין ביי יעדעם איינעם! כאטש דער חילוק דא איז פון א גדול ביז א קטן (- אז נאר א גדול ווייזט מען איהם אז ער ווייסט גארנישט), דאך קען אבער זיין חילוקים - ביי יעדעם איינעם אין א יעדן טאג! (דהיינו:) אויב ער טוהט עפעס אין אידישקייט, ער שטייט אויף חצות, ער האט אביסל התבודדות, ער לערנט אביסל, קען אין איהם אריינפאלן אביסעלע א 'ישות', דארף ער איהם שוין ווייזן "וואס ביסטו"?! "וואס ביסטו"?! "וואס ביסטו"?! "וואס נעמסטו זיך איבער - וואס ביסטו"?!

[לו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ד'.

און אויב ער איז ביי זיך צובראכן, ער קען נישט רעדן קיין ווארט, ער שלאפט, ער איז קראנק, ער קען נישט! (ווייזט איהם דער צדיק) "וואס איז"?! "דער אויבערשטער איז דאך מיט דיר"! "דער אויבערשטער וויל דיר דאך"! זיי "לעבעדיג"!!!

*

# "דער רבי איז א טוב עין"...

און אזעלכע צדיקים זענען ברוך השם געווען, 'רבי שמעון בר יוחאי' איז געווען פון די צדיקים, און דער 'אר"י הקדוש', און דער 'בעל שם', און 'דער רבי'! דאס איז געווען פון די צדיקים וואס האבן דאס געקענט - דאס שטיקל ארבעט, דאס שטיקל ארבעט האבן זיי געקענט! 'דעם' ווייזן אז "דו ביסט נאך גארנישט", און 'דעם' - ווייזן אז "דער אויבערשטער איז מיט דיר און ביי דיר"!

דארף מען בוודאי זיין פריילעך וואס ברוך השם - מיר ווייסן פון אזא רבי'ן! מיר ווייסן פון אזא רבי'ן!

אבער - "מען דארף זיך פארט נישט לאזן זיך נאַר'ן"! אז מען איז יא ביי אזא רבי'ן, דארף מען פארזוכן - דארף מען טועם זיין פון זיינע פירות!

*

אונזערע לייט פלעגן טאקע זאגן אז "דער רבי איז א געוואלדיגער טוב עין"! ער איז א 'טוב עין'!

דער וועלט זאגט דאך היינט אויף אונז; "דער רבי גיבט אייך אזעלכע זאכן וואס איז נישט שייך צו אייך"! "ער הייסט אייך אויפשטיין 'חצות', עה, אויפשטיין חצות?! ער הייסט אייך האבן 'התבודדות', וואס האט איר א שייכות מיט התבודדות?! 'התבודדות' האט א שייכות צו אזעלכע מענטשן?! וואס זענען זיי שייך צו התבודדות"?!

(אבער) **אונזערע לייט פלעגן אזוי זאגן; "דער רבי איז אבער אזא טוב עין אז ער פארגינט"** (- אפילו פאר אזעלכע מענטשן ווי אונז, אז ער האט אונז געגעבן אזעלכע געהויבענע עצות און רפואות, מקטן עד גדול!).

*

# רבי אברהם ר' נחמן'ס ז"ל

(השואל; איז וואס דער פשט אז ער - ר' אברהם ר' נחמנ'ס - האט נישט געוואלט מחדש זיין אין דער עלטער? דער רבי זאגט דאך אז ס'איז א גרויסע זאך צו מחדש זיין חידושים?! אז די תפילה איז שוואך דארף מען נישט מחדש זיין?!) ס'איז דא חילוקים! מען קען דאך נישט זאגן אזוי (סתם)! אזוי האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט - אז 'די חידושים' איז פון די יוגענט, בשעת ער איז געווען (בשדה כל השבוע)! (השואל; די חידושים פון "ביאור הליקוטים"?) ביי איהם איז געווען עפעס אנדערש אויך! ער איז געווען א גרויסער גאון אין נגלה!

דערציילט מיר רבי אלחנן, אז רבי "שמעון זעליכאוו'ער"[לז] האט איהם געזאגט - צו רבי אלחנן; "איך האב געקענט אייער'ען א חסיד, ער איז געווען א גאון אין נגלה און נסתר"! (השואל; רבי שמעון האט געקענט רבי אברהם ר' נחמנ'ס?) יא, ער האט איהם געקענט פון פוילן, ער איז געווען דער ראש ישיבה, דארטן ביים לובלין'ער רב איז ער געווען ראש הישיבה (- משגיח).

(א' מהנוכחים; איך האב עס געזאגט איינעם אין אמעריקע, אז רבי שמעון זעליכאווער האט דאס געזאגט, זאגט ער - אויב ער האט געזאגט, איז א סימן אז רבי אברהם איז געווען א גדול, ווייל רבי שמעון האט זייער שטארק אכטונג געגעבן, ער פלעגט שיסן שטארק אויף די וואס זאגן 'הרב הגאון'!). איך דארף נישט אנקומען צו רבי שמעון זעליכאווער'ס הסכמה, אבער רבי אלחנן האט מיר אזוי געזאגט - אז רבי שמעון זעליכאווער האט איהם געזאגט "איך האב געקענט אייער'ן א חסיד וואס איז געווען א גאון אין נגלה און נסתר"!

*

ביי רבי אברהם איז אזוי געווען, איהם האט מען באדארפט האבן אין די צייט אז ער זאל ארויסווייזן (מעט מגדולתו).

אין פוילן איז געווען - איינער איז געווען דער ביאלער רב, 'ז"ק' (כן היה שם משפחתו), ער איז געווען א גדול אין פוילן, און רבי אברהם ר' נחמנ'ס - ווען ער איז געווען אין פוילן - איז ער געווען ביים דעם ביאלער רב! ער האט אזוי געזאגט; "אין ביאלע איז דא א רב, איז ער א גדול, און ער האט א גרויסער געפיל אין רבי'נס זאך"!

[לז] היה צדיק וגאון גדול, שימש כמשגיח בישיבת חכמי לובלין, חידושיו ומאמריו נדפסו בס' נהרי אש.

ער איז שוין געוואויר געווארן פון איהם, ער איז געווען א גרויסער מקובל אויך - דער ביאלער רב, און ווען ער איז געווען אין פוילן איז ער געווען ביי דעם ביאלער רב, פאר איהם האט ער געהאט מיט ווענמען צו רעדן! ער האט געהאט מיט ווענמען צו רעדן! ער איז געווען א הייליגער מענטש - דער ביאלער רב - ער איז געווען עפעס א קדוש.

*

(רבי בירך רובינסאהן ז"ל: פון רבי צדוק האט ער עפעס גערעדט? דער 'בעל מראה מקומות' - על ספר המדות) איך האב נישט געהערט! (ר"ב: גארנישט? א חידוש, ער האט דאך געמאכט די מראה מקומות), ער האט געהאלטן פונעם רבי'ן שטארק! אזא גאון האט זיך אפגעבן מיט מאכן מראה מקומות אויף דעם רבי'נס א ספר!

(ר"ב: ס'איז אמאל אריין א מוכר ספרים צו איהם, מען פלעגט דאך ארויפקומען צו איהם, ער פלעגט קויפן אסאך ספרים, ער איז דאך געווען א כהן, פון די 'פדיון הבן געלט' פלעגט ער קויפן אסאך ספרים, האבן שוין די מוכרי ספרים געוואוסט אז ער קויפט אסאך ספרים, איז אריינגעקומען אמאל א 'מוכר ספרים' מיט ספרים, און איין ספר האט ער געהאלטן אונטערן ארעם, ער האט נישט געוואלט ווייזן! די סוחרים - מוכרי ספרים - זענען געווען עמי-הארצים אויך אסאך. זאגט ער "וואס האט איר דא פון אונטן"? זאגט ער: "נאַ - דאס איז נישט פאר אייך! דאס איז א א ברייון שטעלער"! - דעם 'עלים לתרופה' - "דאס איז א בריוון שטעלער"! זאגט ער: "לאמיר זעהן דעם בריוון שטעלער"! האט ער שוין געזעהן אז ס'איז א 'עלים לתרופה'! "אָה, דאס איז א גוטע בריוון שטעלער" - זאגט ער - "די אלע ספרים נעמט אייך צוריק, און דעם בריוון שטעלער וויל איך קויפן"! אזוי האט מען דערציילט אינדערהיים).

*

(השואל: רבי אברהם פלעגט מאכן 'גילגול שלג', 'תשובת הקנה'? אזוי שרייבט רבי נתן צבי אין די הקדמה פון 'חכמה ותבונה'), אזעלכע זאכן דארפסטו נישט פרעגן!

הער זיך איין - בשעת מיר האבן גערעדט פון רבי אברהם ר' נחמנ'ס, האבן מיר די אלע זאכן נישט גערעדט! מיר האבן געזעהן אז דער מענטש איז געווען - מיר האבן נאר געזעהן זיינע תלמידים וואס ער האט געהאט, "רבי מרדכי סאקאלאוו'ער", און ס'איז געווען "בנימין פארבער", און טאקע יוחנן'ס טאטע - "ברוך בארדיטשוב'ער", מען קען נישט אויסמאלן וואספארא מענטש דאס איז געווען! וואספארא עובד השם דאס איז געווען! - דאס איז געווען זיינע תלמידים, זיינע "שלעפער'ס"... (היו נראים כאנשים מאוד פשוטים)!

זיינע 'מקוואות' (של ר' ברוך בארדיטשוב'ער)! און גיין דארט ביינאכט 'חצות' ביים בארדיטשוב'ער רב (על הציון), און אריבערוואַרפן זיך אריבער'ן 'פּארקן' (גדר) דארטן אפּרעכטן חצות (שער הביה"ח היה סגור), און דארטן איז געווען א הונט א רוצח וואס האט געקענט הרג'ענען א מענטשן! דאס קען מען נישט אויסמאלן!

(רבי בירך; און "רבי אלטער טעפּליקער") יא, דער שוואגער זיינער!

ער האט געהאט - (היינו ר' אברהם היה לו תלמידים גדולים עובדי ה')!!!

ממילא - דארפן מיר נישט אנקומען צו די אלע הסכמות, די אלע זאכענישן! אבער וואס? די וועלט - די וועלט ווייסט "א גאון בנגלה ובנסתר", שוין, דאס איז די וועלט.

*

# 'ורבים השיב מעוון'

רבי מרדכי סאקאלאווער האט דערציילט - רבי מרדכי - אז ער איז געווארן מקורב, האט ער א שטיק צייט געהאט רדיפות, ער איז געווען א מלמד, ער האט געלערנט אין בארדיטשוב מיט קינדער, ער איז געווען א מלמד גאר מיט 'גרויסע קינדער', ביים גביר 'האלפּערין' - דארט האט ער געלערנט מיט זיינע קינדער, און ער האט געהאט דערפון פרנסה.

בארדיטשוב - איך בין געווען אסאך מאל אין בארדיטשוב, בארדיטשוב איז איין לאנגע גאס, מען רופט עס די קאָלע גאס, די גאס ציהט זיך אוועק עטליכע קילאמעטער, און דאס איז גאנץ בארדיטשוב, און אין די זייטן ווארפט זיך שוין אדורך גאסן אסאך, דארטן איז שוין דא הונדערטער גאסן אסאך, בארדיטשוב איז זייער גרויס!

איז איין לאנגער גאס - און דארטן איז נישט שייך איך זאל בלאנדזשען, אז איך גיי אין דער גאס - וועל איך קומען צו די באן (בקצה העיר), איך וועל גיין א האלבע שעה, איך וועל גיין א שעה - איך וועל קומען צו דער באן!

און "רבי אברהם" האט דאך געוואוינט אין בארדיטשוב א שטיק צייט, זענען זיי געגאנגען מיט רבי אברהם אין בארדיטשוב, זיי האבן איהם באגלייט צו דער באן -

די תלמידים, רבי מרדכי סאקאלאווער, נאך תלמידים, באגלייט צו דער באן, מען האט גערעדט!

אינמיטן גייט ער אוועק אין א זייט גאר (- ר׳ אברהם), טראכטן זיי; רבי אברהם ר׳ נחמנ׳ס זאל בלאנדזשענען און נישט וויסן וואו מען גייט צו די באן?! נאר זיי האבן נישט געוואלט איהם איבערשפארן, זיי זענען געגאנגען אין דער זייט - אין א געסל (צוזאמען מיט איהם), איז ער צוגעקומען צו א חורבה, און דארטן איז געווען א זוג - אַן ער מיט א זי, און ווי נאר ער איז צוגעקומען צו דער חורבה זענעןביידע אנטלאפן, און ער איז אוועקגעגאנגען - צוריקגעגאנגען אויפ׳ן וועג וואו מען דארף גיין צו דער באן! דאס האט רבי מרדכי דערציילט, אז ער האט דאס געזעהן!

רבי אברהם ר׳ נחמנ׳ס האט זיי געוואלט ראטעווען פון אַן עבירה, האט ער זיך געגעבן א דריי אוים אין דער געסל, און ער איז אריינגעגאנגען צו דער הויז - צו דער חורבה, און (זיי זענען) זיך אנטלאפן, אז זיי זענען אנטלאפן, איז ער איז צוריק צו דער באן! דאס האט רבי מרדכי דערציילט, וואס ער איז געווען דערביי, און ער האט דאס געזעהן!

איז ער דאך געווען א ׳בעל רוח הקודש׳, ער האט געוואוסט אז דאס איז דא אין שטאט, און מען דארף עס ראטעווען!

היינט איז זיין יארצייט, יא, ״רבי מרדכי סאקאלאווער׳ס״ יארצייט.[לח]

*

## ׳הבל הקדוש׳

איך האב נאר געזעהן ווי די אלע גדולים אונזערע, קלעבן ביי איהם מיט א מין ביטול!

אין בארדיטשוב איז געווען איינער, ער האט ער געהייסן ׳יאלים׳, ״רבי ישראל יאלים״,[לט] ער איז געווען א גדול, רבי ישראל יאלים, און רבי אברהם פלעגט

---

[לח] יום חמשה עשר בשבט.

[לט] (עי׳ בספר תולדות שמואל - מר׳ שמואל העשיל פר״מ ז״ל, וז״ל; כְּשֶׁרָאִיתִי פַּעַם רִאשׁוֹנָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַנֶּחֱמָדִים, אֵיךְ ״ר׳ יִשְׂרָאֵל יָאלִים״ אוֹמֵר ׳חֲצוֹת׳ בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, וּשְׁאָר הַדְּבָרִים אֵיךְ הוּא

איינשטיין ביי איהם, ער איז געווען א אַדוואָקאַט, און ער איז געווען א גדול, און רבי אברהם פלעגט איינשטיין דעם 'שבת' ביי דעם דאזיגען רבי ישראל.

דער זוהן פלעגט פארן אויף ראש השנה, האט מיר דערציילט דער זוהן - אז רבי אברהם האט זיך צוגעשפארט שבת בייטאג, איז דער טאטע געזעצן לעבן איהם - כאפן דעם 'דוך' (הבל פיו) זיינעם פונעם שלאף! ער זאל הנאה האבן פון זיין דוך, וואס רבי אברהם האט געדוכט! האט דער טאטע זיך אנגעבויגן זיך - 'הא' - ארייגעמען אין זיך דעם הייליגן דוך פון איהם! אזא געפיל האט ער געהאט אין איהם - אין רבי אברהם ר' נחמנ'ס.

ער האט געהאט אזעלכע אידן, ער איז געווען א אדוואקאט - דער רבי ישראל, ער איז געווען עפעס א אויסערגעווענליכער מענטש איז ער געווען.

*

אזעלכע עובדים האט ער געהאט, אזעלכע מיני - דבוק אין השי"ת, אזעלכע מענטשן האט ער געהאט - רבי אברהם ר' נחמנ'ס!

איר מיינט אז "נחום שוסטער" איז געווען א פראסטער מענטש?! נחום שוסטער - ער איז געווען א גדול! ער איז געווען א גדול! נחום "שוסטער", און דארטן - - (למעלה בעולם העליון הוא חשוב מאוד).

(כאן ר' בירך מספר כמה ענינים)

*

## "איך זאל גיווען קענען דעם רבי'ן"...

היוצא לנו מזה, רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז געווען - - מיר האבן געהאט נאך מענטשן! ווער "רבי נתן" איז געווען! מען קען אריבערגיין אסאך מענטשן.

דער עיקר איז נאר - מיר זאלן וויסן אז דעם רבי'נס זאך איז א נצחיות! דאס איז נישט קיין אנדערע 'חסידות', וואס ס'איז געווען א רבי און ער איז נפטר געווארן, נאר ס'איז געבליבן א ספר, דאס איז נישט ביים רבי'ן! דא איז נישט - אז ס'איז נאר

---

מְרַקֵּד [כִּי לֹא יָדַעְתִּי כְּלָל שֶׁיֵּשׁ בְּרִקּוּדִין גַּם כֵּן עֲבוֹדָה], נִתְקַשַּׁרְתִּי אֵלָיו בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה, וְלֹא יָדַעְתִּי אָז מַה לַּחְשֹׁב – אִם הוּא אָדָם אוֹ מַלְאָךְ, כִּי לֹא רָאִיתִי מֵעוֹלָם אִישׁ כָּזֶה).

געבליבן א ספר! דער רבי האט דאך פארט אזויפיל טרערן פארגאסן![מ] און ער האט אוועקגעגעבן אזעלכע טייערע קינדער זיינע - האט ער אוועקגעגעבן, און די בני בית, אלע זענען אוועקגעגאנגען אזוי יונג![מא] ווייל דער רבי האט געוואלט זיין זאך זאל זיין א 'נצחיות'! נישט ס'זאל נאר בלייבן א ספר!

פון אסאך צדיקים איז דא ספרים, (אבער ער האט געוואלט אז -) דער 'רבי אליין' זאל בלייבן! זיין זאך זאל טוהן! זיין פייער זאל גיין![מב] ברוך השם.

און דער רבי האט געוואלט און ער האט דאס אויסגעפירט!!![מג]

*

דערפאר טאקע, אז מען וויל זיך צורירן צום רבי'ן - קען מען זיך צורירן! נישט נאר מחמת דעם ספר אליין, נאר מחמת דעם רבי'ן אליין! מען קען האבן א התקשרות צום צדיק, א התקרבות צום צדיק - קען מען האבן צום רבי'ן אליין!

געווענטליך דארף מען האבן די ספרים, (ווייל) די ספרים געבן ארוים בפועל ממש די עצות זיינע, אבער א חוץ די ספרים - איז דא א ענין התקשרות צום צדיק אליין! התקרבות צום איהם אליין!

מען ווייסט אז ס'איז דא אסאך מענטשן - מען קען לערנען אסאך דעם רבי'נס ספר - און אז מען הייבט אָן רעדן מיט זיי, זעהט מען נישט אזא מין סארט שטארקע אמונה אויך, מען זעהט נישט אזא מין שטארקע אמונה! נאר דאס איז א באזונדערע זאך, דאס התקרבות צום צדיק איז א באזונדערע זאך![מד]

וואס איז טייטש דאס ווארט 'התקרבות'? התקרבות איז טייטש 'נאנט'! התקרבות איז פשוט טייטש 'נאנט'! 'נאנט'! דער ווארט 'נאנט' איז שוין א אנדערע זאך.

*

[מ] עי' חיי מוהר"ן אות ל"א.

[מא] עי' חיי מוהר"ן אות של"ה, ומכתב מרביז"ל ריש עלים לתרופה, הובא בחיי מוהר"ן אות קס"ו.

[מב] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ו.

[מג] עי' חיי מוהר"ן אות רי"ח ושכ"ב.

[מד] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות ו'.

דער רבי רעדט אין תורה י"ז:[מה] דער "מערת המכפילה" איז געווען ביי עפרון'ען, און ער האט גארנישט געוואוסט וואס דאס איז! ער האט עס פארקויפט 'בשמחה רבה' פאר א בית הקברות, געכאפט א מציאה! געכאפט פיר הונדערט "שקל כסף עובר לסוחר"! געכאפט א מציאה! אבער נאכדעם? אה אה אה אה, וואלט ער עס פאר א מיליאן נישט אוועקגעגעבן! אז ס'איז ארויס געגאנגען פון זיין הענט - איז שוין געווארן א לעבטיגקייט, ס'האט שוין אנגעהויבן צו שיינען!

"ויקם שדה עפרון" - זאגט די גמרא[מו] "תקומה היתה לו" - ס'איז ארויס פון א 'הדיוט' און ס'איז אריבער געגאנגען צו א 'מלך'! איז שוין געווארן א לעבטיגקייט, ער קען שוין נישט כאפן צוריק! אברהם האט געמאכט א קנין, און 'במעמד אנשי העיר', אברהם האט זיך גוט באווארנט זיך, אברהם האט געוואוסט אז ער וועט נאכדעם חרטה האבן, ער האט גוט באווארנט זיך מיט א קנין, מיט אלעם שוין, "לאברהם למקנה לעיני בני חת בכל באי שער עירו", אלע זענען געווען בשעת מעשה, "בקרב כלם ובמעמד כולם" האט ער איהם מקנה געווען די זאך![מז]

*

ס'איז ביים רבי'ן אויך אזוי! מען קען זיין נאנט לעבן צדיק - און מען זאל זיין זייער ווייט!

רבי נחמן טולטשינער האט א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען: "איי, איך זאל גיוועך קענען דעם רבי'ן"! "איך זאל גיוועך קענען דעם רבי'ן"! האט איהם רבי נתן געזאגט; "ווער דען האט געקענט דעם רבי'ן? יוסל פַּאראָניק"?!

ער פלעגט איבערפירן דעם רבי'ן דארטן פון ברסלב קיין ראיריד, גייט דארט א 'פַּאראָן' (נהר שעוברין בו עם ספינה קטנה) אינדערמיט, האט ער אריבער געפירט דעם רבי'ן, האט ער געקענט דעם רבי'ן!

"האט יוסל געקענט דעם רבי'ן"?! "אוודאי האסטו געקענט דעם רבי'ן"!

*

[מה] עיי"ש אות ב'.

[מו] בבא מציעא דף פ"ז

[מז] עי' רש"י פרשת חיי שרה כ"ג פסוק י"ז-י"ח.

# 'רבי נחמן טולטשינער ז"ל'

(השואל; ווי האט רבי נתן געזאגט צו רבי אפרים ב"ר נפתלי - ווי איז געווען דער לשון?) רבי אפרים איז געווען א גאון בנגלה ובנסתר, איך האב געקענט אין קרימענטשאק איינער - ער איז געווען א קרימענטשאק'ער, דארטן איז געווען גרויסע גאונים - אין קרימענטשאק, האט ער געזאגט "אז ער איז א תלמיד ביי רבי אפרים", (ואמר); "זיין גאונות איז געווען הפלא ופלא"! (השואל; דער מענטש איז געווען א ברסלב'ער?) ניין! א שטאט מענטש! האט ער געזאגט אויף רבי אפרים; "הפלא ופלא איז געווען זיין גאונות" - ר' אפרים ב"ר נפתלי!

האט רבי נתן געזאגט צו רבי אפרים'ען; "די 'פרויקע' מיט דיין קעפעלע, זאל איך זיך רעכטן אז 'נחמן' (טולטשינער) וועט האבן מער געפיל אינעם רבי'נס ספר פון דיר"?!

וואס האט רבי נתן געמיינט "מער געפיל אינעם רבינ'ס ספר"? וואס האט רבי נתן געמיינט?! - קענען זאגן 'טייטשן' מיט 'פלפולים' - האט געקענט רבי אפרים געווים שענער ווי רבי נחמן! אבער עפעס דער 'געפיל' האבן!!! אז רבי נחמן האט געזאגט א ווארט - ער האט נאר פארטייטשט דער ווארט - האט עס שוין געהאט עפעס אלע מיני חן, און אלע מיני זאכענישן!

*

דער טשערינ'ער רב פלעגט באהאלטן זיך - אז דער טשערינער רב איז געווען (כשביקר באומאן) האט רבי נחמן נישט געוואלט רעדן! (מפני כבודו), דער טשערינער רב האט זיך פארבאהאלטן, ביי 'שלש סעודות' איז דאך פינסטער, און ער האט געבעטן אז מען זאל נישט מאכן קיין געשעפט (נישט אויסזאגן אז ער איז דארט), פארוואס? כדי ער זאל הערן!

און ער האט אזוי געזאגט צו רבי נחמן (טולטשינער, שהרגיש בו, והתחמק מלדבר לפני הציבור בנוכחת הרב מ'טשערין); "רבי נחמן, פארוואס פארבאהאלט איר זיך פון מיר? איך הער פון אייך א דיבור - דאס איז דאך פאר מיר א פירוש אויפ'ן ליקוטי מוהר"ן"! "דאס איז מיר א פירוש אויפ'ן ליקוטי מוהר"ן - אז איך הער פון אייך א דיבור"!

דאס איז עפעס א אנדערע ענין פון 'געפיל', דאס איז א אנדערע זאך - א געפיל! ער האט עפעס אזויפיל געליגן אינעם רבי'נס זאך, אז יעדער דיבור האט ער מרגיש געווען!

*

## 'חכמת התמימות'

ער האט מיר דערציילט - "רבי ישראל ווײנבערג", רבי אייזיקל'ס[מח] אן איידעם, האט ער מיר דערצײילט - אז ער איז געווען א אינגל, א קינד איז ער געווען, האט רבי נחמן איהם געזאגט דער תורה - נאכגעזאגט וואס דער רבי זאגט דארטן אינעם אנדערן חלק תורה י'; "דאס וואס דער וועלט איז ווייט פון השי"ת - ווייל זיי האבן נישט קיין ישוב הדעת"! האט ער איהם נאכגעזאגט דעם תורה!

ווען ער (- רבי ישראל) האט מיר געזאגט איז שוין געווען - איך ווייס - א פופציג יאר נאכדעם וואס ער האט געקענט רבי נחמן'ען.

זאגט ער (ר' ישראל); "וואס זאל איך אייך זאגן"?! "אינגאנצן מיין אידישקייט איז - וואס איך האב געהערט פון רבי נחמן די תורה"!

ער איז געווען א גרויסע בעל בכיה, ער פלעגט אסאך וויינען - דער רבי ישראל ווײנבערג, אז ער פלעגט רעדן פון רבי נחמן, האט ער גארנישט געקענט זיך אפרעדן זיך! אזא 'געוואלד' זאגט ער, דאס איז עפעס אן אנדערע סארט, א מין רבי נתן, עפעס א מין עמקות'דיגע - -

*

ס'איז א מכתב דא, שרייבט רבי נתן צום זוהן, אין עלים לתרופה, אויב איר געדענקט דעם מכתב, "מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אסאך אז מיר האבן אזא מענטש ווי נחמן"! אויף רבי נחמן טולטשינער![מט]

*

---

[מח] ר' אייזיק אייזנשטיין ז"ל, מאומאן.

[מט] (כעי"ז בעלים לתרופה מכתב שצ"ח).

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט דאך אסאך גערעדט פון זיין טאטע'ן,[ג] און ער (ר' נחמן) איז געווען אזא מין חכם איז ער געווען, ממש א חכם איז ער געווען, א גוואלדיגער 'חכם' איז ער געווען, און אזא מין 'תם' איז ער געווען, אזא מין תמימות'דיגער.

אז רבי נחמן איז נפטר געווארן, רבי נחמן איז נפטר געווארן תרמ"ד, האבן אונזערע לייט געזאגט; "אזא מוסף וועט מען שוין נישט הערן ביז משיח וועט קומען"! "אזא מוסף" - ער האט געדאווענט מוספין - "וועט מען שוין נישט הערן ביז משיח וועט קומען - וועט מען שוין אזא דאווענען נישט הערן"!

*

(רבי בירך רובינסאהן ז"ל; 'חנא פארבער' האט איהם געקענט!) ער האט איהם אוודאי געקענט, אוודאי!

(רבי לוי"צ שואל מרבי בירך) ווען איז חנא פארבער געקומען אויף אמעריקע? (ר"ב; איך ווייס? א מעשה פון פופציג יאר) מיר דאכט זיך אז איך האב איהם געקענט, פון תרע"ד איז דאך שוין זעכציג יאר, ער האט נישט געלאזט קיין קדיש, דא אין ירושלים האט מען געזאגט קדיש נאך איהם! (ר"ב; איך האב געזאגט קדיש נאך איהם!).

איר ווייסט, אז דער 'חנא פארבער' איז געווען "רבי נחמן ר' נתנ'ס" אן איידעם! 'רבי מאטל שוחט' איז אויך געווען אן איידעם ביי "רבי נחמן ר' נתנ'ס", נאר וואס דען - זי איז געווען אזא מין סארט פרוי "נאר עולם הבא", אן "עולם הבא'דיגע פרוי" איז זי געווען, אבער א שטוב אינזינען האבן - צו דאס איז זי נישט געווען שייכות! יא עסן - נישט עסן, נאר אינזין האבן עולם הבא - אזא מין פרוי איז זי געווען!

און ער איז געווען א אויסגעשפיצטער מענטש אין דער יוגענט, האט ער געזעהן אז ער דארף פארלירן זיין וועלט (עולם הזה), וואס פאר א וועלט וועט ער האבן ביי איר?! ס'איז דאך גארנישט קיין וועלט! האבן זיי זיך גע'גט!

און אויף דער עלטער האט ער געזאגט; "אז איך זאל ווען האבן רבי נתנ'ס קינד (נכדתו), וואלט איך שענערע קינדער געהאט"! דאס האט ער אויף דער עלטער געזאגט!

---

[ג] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים, אות מ"ד והלאה.

ער האט דאך קיין 'קדיש' נישט געלאזט, מען האט געמוזט זאגן נאך איהם קדיש! איר האט געזאגט קדיש, און דא (בירושלים) האט מען געזאגט קדיש!

מפקיר זיין די וועלט האט ער נישט געוואלט! זי איז געווען א מענטש - "נאר עולם הבא"!

איך האב נאך געהערט פון רויזנפעלד'ן (- ה"הר' צבי אריה ז"ל מאנ"ש בארה"ב) אז ער האט גבירים, און אלעם! אבער קיין קדיש נישט, קדיש דארף מען דינגען א קדיש נאכן שטארבן, (זיינע קינדער זענען אלע פריי געווארן).

מיר דאכט זיך אז איך האב איהם נאך פארכאפט, ווייל איך בין געקומען ע"ד, און באלד בין איך געווען אין לאדיזין, און דאכט זיך איך האב פארכאפט נאך חנא.

דאס איז די זאך, א מענטש וואס ער האט אזעלכע כשרונות'ן - און דארף אוועקגעבן די וועלט, ס'גלוסט זיך נישט!...

(רבי בירך; "פיר און דרייסיג ראש השנה'ס" האט ער מיר געזאגט איז ער געווען! ער געדענקט נאך ווי דער טשערינ'ער רב פלעגט יום כיפור ביינאכט אויפזיין א גאנצע נאכט, דער עולם פלעגט שלאפן אויף דער ערד, פלעגט ער ארום צו גיין ביינאכט און אנקוקען יעדעם איינציגן!).[נא]

*

# 'אור' עם 'לבושים'!

מען קען זיך נישט אויסמאלן אין דער וועלט וואס הייסט 'עולם הבא' - וואס הייסט 'עולם הנצחי'! מען קען זיך בשום אופן נישט אויסמאלן!

מען געפונט זיך אין אזא וועלט פול מיט צימצומים, מען איז ארומגענומען מיט תאוות, מיט תענוגים, (קען מען נישט) אויסמאלן זיך אז ס'איז דא א 'תענוג הנצחי' - וואס א רגע 'תענוג' פון דארטן - איז בעסער ווי אלע 'תענוגים' פון דער וועלט! און די צדיקים וואס האבן דעם תענוג - ווי קען ער האבן הנאה פון די וועלט? ווי קען זיך ביי איהם אנזעהן די וועלט?! אז אזא מין תענוג איז דא!

נאר טאקע די וואס האבן זיך יא אויסגעמאלט דאס דאזיגע, האבן זיי טאקע מבטל געווען די וועלט! און טאקע געווען! נאר וואס דען - דער ביטול פון די

---

[נא] עי' שיש"ק ח"ג אות שנ"א, ועי' פרפראות לחכמה על תו' ד' ותו' ה' תניינא - בענין ראיית פני הצדיק.

צדיקים איז אויך געווען מיט א חכמה, ס'איז געווען מלובש מיט צימצומים, און דער ביטול איז געווען - דאס איז שוין אן אנדערע זאך!

ס'איז דא אזעלכע וואס האבן אין זיך די זאך (טעם עולם הבא) - (אבער) האבן זיי נישט קיין צימצומים דערצו - טויג עס אויך נישט!

*

רבי נתן האט געזאגט אויפן רבי'ן, אזוי אפהיטן מלבושים, אזא ריינקייט, ביים רבי'ן האט נישט געטארט זיין אפילו אויף דער פאדעשעווע (תחת מנעליו) קיין שטרוי, א שטרוי! אזוי ריין האט געדארפט זיין א מלבוש! - האט רבי נתן געזאגט; "איך - קען דאס נישט"!

רבי נתן האט אויך אפגעהיט די מלבושים! ער האט געוואוסט פון רבי'ן אז מען דארף היטן די מלבושים,[נב] אבער "דאס קען איך נישט" - אזוי ווי דער רבי האט געהאלטן די מלבושים! אזוי געדארפט זיין ריין - אז אפילו (אויף דער פאדעשווע טאר נישט זיין א שטרוי) - איך קען דאס נישט!

אזא רבי - מען קען זיך אויסמאלן וואספארא מין סארט 'מוחין' ס'איז געווען ביים רבי'ן? וואספארא 'דביקות' ביי איהם איז געווען? ווי ער האט מטייל געווען אין 'גן עדן', אין די אלע 'גנזייא דמלכא'?!

און דאס איז געווען אזוי געווען (שאעפ"כ הקפיד מאוד על נקיות המלבושים) - ווייזט אוים אז אין שורש אריין שאדט דאס אויך! דער גרויסער - דער גדול שבגדולים דארף זיין אזא מין סארט - אזוי א 'ריינקייט' דארף זיין ביי איהם! אזוי דארף זיין, אז טאמער וועט זיין עפעס א זאך - איז עס א 'פגם'![נג]

*

(השואל; איר האט געהערט אז מען זאגט, אז דעם רבי'נס טאכטער מיט ר' נתן'ס טאכטער זענען געגאנגען צוזאמען דורך א בלאטע, און דער רבי'נס טאכטער האט זיך געשמיצט, האט רבי נתן'ס טאכטער איר געזאגט אז "איך האב זיך אויסגעלערנט פון מיין טאטע'ן אז מען קען דורך גיין

[נב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט אות ג', חיי מוהר"ן אות ר"א ותכ"ב.

[נג] עי' חיי מוהר"ן אות תקכ"ד.

א בלאטע און נישט פארשמיצן ווערן"?) איך האב עס נישט געהערט, איך האב עס נישט געהערט! וואס זאל איך טוהן?!

הער זיך איין, איך קען דיר נישט זאגן - אז איך האב עס פארט נישט געהערט - איך קען נישט זאגן אז ס'איז נישט, ווייל "לא ראינו אינו ראיה", איך האב עס נישט געהערט! נאך א זאך וועל איך דיר זאגן - אז ס'קלעבט זיך נישט אויך די זאך! (אינו מתקבל על הדעת).

*

# 'רבי פנחס קיבליטשער ז"ל'

(השואל; רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט אויף זיין טאטע, אז ער וואלט נישט געקענט מקרב זיין "רבי פנחס קיבליטש'ער"?) דאס האט ער יא געזאגט - יא!

"רבי פנחס קובליטשער" - ער האט דעם 'שווער' מקרב געווען (חותנו של רבי לוי"צ - ה"ה "רבי אהרן קיבליטש'ער"), ער איז געווען נאך אין די למ"ד'ן (בשנות תר"ל), דער שווער איז מקורב געווארן אין די למ"ד'ן.

(השואל; אייער שווער איז מקורב געווארן אין די ל' יארן? רבי פנחס איז אוועק אין די ל' יארן, איז ווי לאנג איז ער געווען ביי רבי פנחס?) רבי פנחס איז אוועק ביי די למ"ד'ן - און דער שווער איז מקורב געווארן אין די למ"ד'ן! ער איז געווען ביי רבי פנחס עטליכע יאר!

אז דער שווער איז געווארן א חתן איז ער אלט געווען 'צוועלף יאר' און געווען א חתן עטליכע יאר, אמאל פלעגט זיין אז מען פלעגט מאכן א חתן צו 'ניין יאר' אויך, 'צעהן יאר', מען איז געווען א חתן 'פינף זעקס יאר', און דער מחותן פלעגט דינגען א מלמד צום חתן -

דער "שווער'ס שווער" (חותנו של ר' אהרן קיבליטשער) איך האב איהם געקענט, ער איז געווען א גביר אן ערליכער איד, ער פלעגט אויפשטיין אלע נאכט חצות. (השואל; נישט קיין ברסלב'ע חסיד?) ניין, אבער ער איז געווען א ווארילער איד! און אז דער שווער איז געווארן זיינער א חתן, האט ער געדינגען "רבי פנחס קיבליטשער".

רבי פנחס - אז ער איז געקומען (קיין קיבליטש) האט קיינער נישט געוואוסט אז ער איז א ברסלב'ער, ער איז דאך געווען גאר אן אומאן'ער, ער איז געווען אן אומאן'ער

אידעם - דער רבי פנחס. ער (חותנו של ר' פנחס) האט געארבעט גאר מיט 'לעכט', ער איז געווען א 'לעכט ציהער', געמאכט לעכט!

ער (ר' פנחס) איז ביים 'טאלנער' - איז ער געווען דער יונגערמאן וואס ער פלעגט רעדן מיט אלע יונגעלייט פון אידישקייט! (השואל: נישט מיט די חתנים?) מיט די חתנים, אזוי, ער האט גערעדט אין אידישקייט! ממילא איז ער געווען פון די חשובע יונגעלייט, ער האט איהם אויסגעקליבן ער זאל רעדן מיט אלע יונגעלייט!

*

און ער איז געווען אין אומאן, איז דער שווער פון אומאן האט מורא געהאט - אז אין אומאן איז דא א ברסלב'ער שוהל - טאמער וועט מיין איידעם אריינגיין אמאל אין ברסלב'ער שוהל אריין! האט ער מיט איהם אלע טאג גערעדט; "דא איז דא א שוהל וואס מען טאר נישט אריינגיין דארטן"! "דו זאלסט נישט אריינגיין אין ברסלב'ער שוהל"! "דו זאלסט נישט אריינגיין אין ברסלב'ער שוהל"!

זאגט ער; "וואס וויל ער פון מיר? איך גיי דאך נישט, איך גיי דאך נישט"! אבער ער האט מורא טאמער ער וועט יא גיין, האט ער אלע טאג גערעדט מיט איהם אז מען טאר נישט גיין!

טראכט ער; "וואס איז עס דארטן? איך וויל זעהן - וואס איז דארטן?! וואס איז דארטן וואס ער רעדט מיט מיר אלע טאג"?! ער איז געגעבן א קום אריין, האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס דערציילט; "האב איך פארשטאנען וואס ער איז אריינגעקומען, האב איך איהם ארויף געגרופן אויבן אין ווייבער שוהל, און האט מיט איהם אפגעלערנט די תורה פון ט' תיקונין - מיט די מראה"![נד] ס'איז דא דארטן א 'מראה', און ער איז געווארן מקורב! ער איז נאר אריינגעקומען!

אז ער איז געווארן מקורב - איז געווארן אזא מין סארט 'פייער', מען האט איהם ממש געוואלט הרג'נען, הרג'נען!

האט רבי אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט; "דער טאטע וואלט איהם נישט געקענט מקרב זיין"! ער האט געהאט אנדערע מוחות - אזא מענטשן מקרב זיין! רבי

---

[נד] ליקוטי מוהר"ן תו' כ', ובחיי מוהר"ן אות פ"ג.

אברהם ר' נחמן האט אפגעלערנט מיט איהם די 'תורה' מיט די 'מראה' - האט ער איהם מקרב געווען!

*

האט רבי נחמן טולטשינער געזעהן אז מען וועט איהם ממש הרג'נען, מען וועט איהם הרג'נען! האט רבי נחמן טולטשינער - דארטן איז געווען א דארף "סטאַפּאַטשיק", דאס איז געווען לעבן "באביארקע", נישט ווייט פון אומאן, דארטן איז געווען רבי נתן'ס מענטש געווען דארט - "רבי ישראל סטאפאטשיק" - פון רבי נתן'ס מענטשן, די גדולים, האט ער איהם געגעבן א בריוו צו דעם רבי ישראל'ן! (ואמר לו); "פאר אוועק קיין סטאפאטשיק, אין דעם דארף אריין" - אין דעם בריוו איז שוין געווען פארשריבן ווער דער יונגערמאן איז - "און דארטן וועסטו זיין א שטיקל צייט, ביז ס'וועט איבערגיין דאס פייער"!

איז ער געקומען צו רבי ישראל סטאפאטשיק, האט ער דערציילט - רבי פנחס - אז ער איז אריינגעקומען אין די צייט פון מנחה, און 'רבי ישראל' האט געזאגט קטורת - אינמיטן דער וואך געזאגט קטורת, האט ער געזאגט די ווערטער "ולמה אין מערבין בה דבש מפני שהתורה אמרה", האט ער עס געזאגט מיט אזא דביקות עטליכע מאל "מפני שהתורה אמרה", "מפני שהתורה אמרה", "מפני שהתורה אמרה"!

(חשב ר' פנחס בהתפעלות); רבונו של עולם, א איד זאל זאגן קטורת מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן? מיט אזא מין דביקות זאגן קטורת?! און ער איז דאך דבוק, ער האט נישט געזעהן ווער ס'דרייעט זיך ארום דא!

ער האט געדאווענט מנחה, איז ער צוגעגאנגען - ער האט איהם אפגעגעבן די בריוו פון רבי נחמן טולטשינער, נו האט ער שוין געזעהן ווער דער יונגערמאן איז, (אמר לו) "איר וועט זיין דא, און איר וועט לערנען מיט מיינע אייניקלעך"!

(השואל; איז אזוי גיך האט איהם רבי ישראל שוין פארספיעט צו דערקענען?) מען האט געוואוסט ווער ער איז! מען האט איהם גערופן "רבי פנחס'ל"! מען האט געוואוסט ווער ער איז, מען האט געוויסט אז ער איז א 'יקר'! נאר וואס דען - אז ער איז געווארן מקורב האט מען שוין געוואוסט וואס דא טוהט זיך, מען האט אלעס געוואוסט!

איז ער געווען אין סטאפאטשיק, און דארטן האט ער זיך אנגעזעהן זייער אסאך! ר' ישראל איז געווען פון רבי נתן'ס מענטשן, ער איז געווען א גדול - ר' ישראל, האט ער געזעהן רבי נתן'ס מענטשן - וויאזוי זיי האבן זיך געפירט זיך!

*

# "איך וועל אייך אויסזאגן דעם סוד"...

דערווייל פירט דער אויבערשטער - דער אויבערשטער פירט דאך דערווייל דער וועלט, דערווייל איז דער שווער געשטארבן, און זי (אשתו של ר' פנחס) ווייטער האט געוואוסט אז זי האט א מאן א צדיק, איז פארוואס זאל זי נישט זיין צופרידן מיט אזא מאן?! הכלל מען האט נישט געוואלט (המשפחה שלה עשו להם מניעות), איז ער ארויס קיין 'קיבליטש'.

ער איז ארויס קיין קיבליטש דארטן שוין מיט די בני בית - קיין קיבליטש, און דארט איז געווען ווייטער א שטעטעלע, אז ס'איז געקומען צו פארן א יונגערמאן א תלמיד חכם, (פרעגט מען איהם): "וואס זענט איר"? "א מלמד"! האט מען איהם געגעבן קינדער לערנען, האבן זיי געזעהן עפעס א מלמד - וואס די קינדער ווערן פול מיט יראת שמים, אזא מלמד האט מען נישט געזעהן גאר - א מלמד וואס די קינדער זאלן ווערן פול מיט יראת שמים! א קינד אז מען געבט איהם עפעס דארטן (א מטבע) ער זאל עפעס קויפן, נעמט ער און ער ווארפט אריין אין פושקע פאר צדקה, ער וויל גארנישט קויפן - ער (ר' פנחס) האט זיי מרגיל געווען זיי זאל געבן צדקה - האבן אלע אוועקגעגעבן די קינדער צו דעם מלמד! (ויצא קול בין תושבי עירו) "ס'איז געקומען א מלמד - א צדיק, אזא יונגערמאן, און די קינדער לעבן אזוי"!

ס'איז געקומען ראש השנה איז ער אוועקגעפארן, (שאלו בני העיר) וואו פארט ער? (וענה בכל פעם): ער פארט דארטן צו דעם טאלנער, סקווירא'ער, איך ווייס... אלעמאל אויסגערעכנט נייע נעמען וואו ער פארט אוועק אויף ראש השנה, ער האט געזעהן אז ער קען נאכנישט אויסזאגן!

*

ס'איז אוועקגעגאנגען עטליכע יאר, די שטעטל איז געווארן זיינע מענטשן, אלע זענען געווארן רבי פנחס'לס מענטשן, האט ער א זאג געגעבן: "נא, ס'איז געקומען

די צייט, איך וועל אויסזאגן דער סוד! הבוחר יבחר והחדל יחדל! זאלט איר וויסן אז איך בין א ברסלב'ער חסיד, וואס איך רעד אלס מיט אייך - נעמט זיך אלעם פון דארטן"!

האט מען געגעבן א שפרונג אפ (פון איהם)! אבער 'זעכצן' זענען געבליבן, זעכצן יונגעלייט זענען געבליבן! און 'דער שווער' (של רלוי"צ, ה"ה ר' אהרן קיבליטשער ז"ל) איז געווען פון די וואס זענען געבליבן!

(השואל; ווי אלט זענען זיי געווען יענע צייט?) יונגעלייט! איך ווייס?! 'פופצן זעכצן יאר' - 'פערצן יאר'! (ר' לוי יצחק פונה לא' הנוכחים); רעדט מען פון דיין זיידע'ן! דיין זיידע רבי אהרן קיבליטשער - ער איז געווען פון די וואס זענען געבליבן! 'רבי חיים' (קיבליטשער) - און נאך זענען געבליבן, ס'זענען געבליבן מענטשן! (רלוי"צ מסביר); זיין זיידע איז געווען רבי אהרן קיבליטשער, זיין זיידע האט געהאט א זוהן, האט ער געהייסן 'נחמן', זיין מאמע איז דעם נחמן'ס א טאכטער! (ה"ה מרת שרה עטל בת ר' נחמן שווארץ, אשת ר' ישראל דוד פוקסברומער ז"ל).

(השואל; דאס האט איר נישט געהערט, אז ער פלעגט פרעגן אלעמאל רבי נחמן טולטשינער - אויב ער מעג שוין אויסזאגן - און ער האט איהם געזאגט "ווארט אוים"?!) דאס האב איך נישט געהערט!

*

# 'פלטין של אמת'

ס'איז נאר געווען, אז ווען ס'איז געווארן א פייער (של התנגדות), איז איינער געווען אין קיבליטש 'חיים' - 'חיים קצב', ער איז געווען א גיבור, ער האט געקענט א מענטש הרג'נען, מיט א 'פינגער' האט ער געקענט הרג'נען א מענטשן! מען האט איהם גערופן "חיים שיש בו", א קצב - א יענער יונג!

האט מען איהם אריינגעשיקט צו רבי פנחס'ן, ער זאל איהם געבן א 'שנעל' אין די נאז, ער וועט איהם אוועקלייגן, ביי שלש סעודות!

איז געזעצן דארטן רבי פנחס מיט זיינע תלמידים, און 'חיים קצב' קומט אריין, (ופחדו כולם); "אוי, ווי חיים וועט צוגיין צו רבי פנחס, און וועט איהם געבן א ריר אָן וועט ער איהם דאך הרג'נען"! זיי זענען געבליבן שטיין אלע אזוי ווייס!

רבי פנחס איז געווען אזא מין חכם, האט ער איהם צוגערופן צו זיך, ער האט אנגעהויבן מיט איהם צו רעדן, מיט אזא מין חכמה, און ער האט איהם גלייך מקרב געווען! דער חיים איז גלייך געווארן מקורב! (אמרו המתנגדים) "אוי וויי, ער האט שוין חיים אויך צוגענומען צו זיך"?! "ער האט שוין חיים אויך צוגענומען צו זיך"!

דער חיים קצב - איך האב איהם געקענט אין די עלטערע יארן, ער האט געהאט א פנים - א אויסגעווייגט פנים פון טרערן, א פנים אויסגעוואשן פון טרערן - איז געווען דער פנים פון חיים קצב!

"משה טשענסטכאוו'ער" האט מיר געזאגט אז ער איז געווען ביי זיין קבר! משה טשענסטכאוו'ער האט מיר דערציילט - אז ער פלעגט דארטן זיין אין קיבליטש - פלעגט ער ביי איהם איינשטיין, ביי דעם חיים קצב, ער איז געווען א מכנים אורח! פלעגט ער זאגן - די טרערן וואס חיים פלעגט פארגיסן ביי די תפילות - האט מען נישט געקענט אויסהאלטן! טייכן טרערן האט ער פארגאסן ביי די תפילות, די ליקוטי תפילות איז געווען אזוי פארוויינט, אז מען האט נישט געקענט ליינען די תפילות, די לקוטי תפילות!

האט 'חיים' מיר דערציילט; אז 'איהם' האט איינער געגעבן א פאטש - אז חיים איז שוין געווארן א חסיד - האט איינער איהם געגעבן א פאטש, און איך האב איהם נישט אפגענטפערט קריק! אז חיים זאל נישט (געבן צוריק)?! (נאר) "אז איך בין געווארן א ברסלב'ער, קען איך שוין נישט הייבן די הענט"! "איך קען שוין נישט הייבן די הענט - ענטפערן קריק"!

ער האט שוין נישט געקענט! ס'איז שוין געווען "ידיו אמונה, פריסן בצלו",[נה] מען קען שוין נישט, ס'הייבט זיך נישט, ס'הייבט זיך נישט! דאס איז דער כח פונעם רבי'ן!

איך האב גערעדט אין קיבליטש לעבן איהם, איך בין געשטאנען דארטן לעבן איהם, קען איך אייך זאגן - - ווען האב איך גערעדט מיט איהם? פרייטאג פארנאכט - מנחה! טייכן טרערן האט ער אויסגעגאסן ביי די מנחה! אזעלכע פארוויינטע אויגן ביי די שמונה עשרה! ריבונו של עולם, איך האב דאך געהערט פון איהם ווער ער איז געווען אין דער יוגענט - און אזוי אויסגיסן טייכן טרערן?!

[נה] עפ"י מליצת לשון הכתוב שמות י"ז י"ב - ותרגומו, מובא הרבה בליקוטי מוהר"ן.

(השואל; ער איז געווען א פראסטער הייסט?) אויף די עלטער האט ער שוין געקענט עפעס לערנען, ער איז געווען א מכניס אורח, ער איז שוין געווען - ער האט שוין געהאט א לעכטיגע צורה, א אויסגעוויינטע פנים האט ער געהאט - פון טרערן ממש, אזוי ווי מען וויינט זיך אוים - אזוי ווי פון א 'מרחץ', (אזוי האט ער) אויסגעוואשן דאס פנים פון טרערן!

וואס דער רבי האט געקענט מאכן פון דעם חיים'ען! מען האט געזעהן ווי ער איז געשטאנען ביי מנחה שמונה עשרה, געגאסן מיט טרערן!

רבונו של עולם, ווי בין איך זוכה צו דאווענען אזא מנחה מיט טרערן! אזויפיל טרערן אויסגיסן ביי שמונה עשרה?!

*

היוצא לנו אז דאס איז דער 'פלטין' - שרייבט רבי נתן - "פלטין של אמת",[נג] דאס איז דער פלטין! דאס איז דער 'פאבריק'![נד]

*

איינער איז געווען פון רבי פנחס'ן חברה (מתלמידיו שלמדו אצלו, לפני שנתגלה שהוא מחסידי ברסלב), ער האט געהייסן 'וועלוול', ער איז געווען א 'בעל עגלה', מיר פלעגן פארן קיין קיבליטש דארטן צו די באן, פלעגט ער אונז אפפירן מיט א 'פירל', איך בין געווען מיט איהם היימיש, האט ער מיר דערציילט - מען פלעגט אמאל רעדן אויפן וועג - גערעדט פון רבי פנחס'ן, מ'האט איהם גערופן 'וועלוול שייגעץ'!

האט ער מיר דערציילט; "אז איך בין געווען פון רבי פנחס'נס חברה, נאר וואס דען? אז מען איז געוואויר געווארן ווער ער איז, בין איך אוועק! נאר דאס זאג איך אייך - ווען איך זאל ווען בלייבן ביי איהם, וואלט מען מיר נישט גערופן וועלוול שייגעץ"!

מען האט איהם גערופן 'וועלוול שייגעץ' - אזוי האט מען איהם גערופן אין שטאט, "ווען איך זאל ווען בלייבן ביי רבי פנחס'ן וואלט מען מיך נישט גערופן 'וועלוול שייגעץ', דאס ווייס איך זיכער"!

[נג] מלשון השיחות הנדפס בסוף ספר סיפורי מעשיות, ועי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת י"ד.

[נד] עפ"י לשון רביז"ל; 'א פאבריק פון אידישקייט', עי' ימי מוהרנ"ת ח"א אות ל"ח.

ער האט אויפגעשטעלט מענטשן, אה אה, רבי פנחס!

*

(אחד מחנוכחים; ס'שטייט אין כוכבי אור[נח] אז רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט, "דבר זה לא שמעתי מאבי, נאר פון רבי פנחס'ן, אז איך האב געהערט פון רבי פנחס קען מען זיך פארלאזן אויף דעם"?!) ער פלעגט אזויפיל רעדן! ער האט מיר דערציילט - רבי אברהם שטערהארץ, אז דער טשערינער רב - ער (ר' אברהם) איז דעמאלטס א קינד געווען, א קינד פון צעהן יאר, ווייל אברהם איז געבוירן געווארן כ"ב, א קינד פון 'צעהן צוועלעף יאר' נישט מער, האט ער איהם געזאגט; "גיי הער ווי א יונגערמאן רעדט פונעם רבי'ן" - אויף רבי פנחס'ן!

ער פלעגט זייער אסאך רעדן פונעם רבי'ן! אז ס'איז געקומען ראש השנה, האט מען געוואוסט אז רבי פנחס רעדט פונעם רבי'ן, האט דער טשערינ'ער רב געזאגט צו ר' אברהם שטערנהארץ "גיי זע ווי א יונגערמאן רעדט פונעם רבי'ן"!

*

# מקוה במסירות נפש

(השואל; פון וואס איז ער אוועק, ער איז געווען א קראנקער?) ער איז געווען א קראנקער מענטש, ער איז געווען אזא מין חולה, א גאנצע וואך האט ער זיך נישט געוואשן, ער האט נישט געקענט עסן קיין כזית, ווען ער איז נפטר געווארן איז ער אלט געווען גלייך נאך דרייסיג יאר, נפטר געווארן - א יונגערמאן געווען!

דער שווער האט דערציילט, אז ער איז געווען א געוואלדיגער 'הצנע לכת', מען האט קיינמאל נישט געוואוסט ווי ער איז, אזוי פארבאהאלטן מיט זיין עבודה, נאר איין מאל האט ער געטוהן אן עובדא, וואס ער האט געמוזט אנקומען צום שווער!

דער שווער איז געווען אן הויכער מענטש, ער דער (ר' פנחס) האט געוואלט גיין א 'פעלאנקע', א פעלאנקע הייסט - גיין אונטער די אייז זיך טובל'ען, צוהאקען די אייז, און גיין! אונטער די פעלאנקע איז נישט אזוי קאלט, אונטער די אייז איז נישט אזוי קאלט, אבער אז מען גייט ארויס איז מען דאך אין א סכנה, אין דער 'אויר' פון

[נח] כוכבי אור - סיפורים נפלאים, במעשה של 'טענדא ורענדא'.

אינדערויסן קען מען דאך ווערן פארפרוירן, און א קראנקער מענטש איז ער דאך געווען, האט ער געמוזט מיטנעמען מיט זיך א בינטל שטרוי, אוועקלייגן לעבן דעם אייז, און האבן אזא ווארעם מלבוש, אז ער גייט ארויס, זאל ער איהם א כאפ אריין געבן - אינעם מלבוש, און אננעמען אויף די פלייצע, און אוועקטראגן אהיים!

האט ער געמוזט זאגן דעם שווער, דער שווער האט דאס געטוהן, ער האט מיטגענומען א בינטל שטרוי, אוועקגעלייגט ארום דער אייז, אז ער האט געגעבן א גיי ארויס, האט ער אוועקגעשטעלט די פיס אויף די שטרוי, איהם געגעבן א כאפ ארום (מיט א ווארימע מלבוש), באלד אוועקגעטראגן אויפ'ן אקסל!

האט ער געמוזט האבן דעם שווער, אז נישט וואלט ער עס נישט אויסגעהאלן, אז נישט וואלט געווארן פון איהם א שטיק אייז! געוואלדיג, געוואלד!

(השואל: קיין מקוה איז נישט געווען אין קיבליטש?) וואס געווען? אמאליגע שטעט? אין מיינע צייטן איז אין קיבליטש געווען א מקוה אן א 'דאך'! צובראכן צוהאקט, אזוי איז געווען אמאל!

דער שווער האט געזאגט, "ער ווייסט נישט - ער קען נישט מצייר זיין וואספארא מענטש דאס איז געווען, וואספארא מין סארט הייליגע איד דאס איז געווען"!

(השואל: ער האט געהאט קינדער?) איין טאכטער. (השואל: ער האט געהאט אייניקלעך?) איך ווייס נישט. ער האט געהאט איין טאכטער אין קיבליטש!

*

# א-ל 'קנא' הוא

דאס האט מען מיר דערציילט - רבי נחמן טולטשינער האט נישט געהאלטן דערפון - אין קיבליטש איז געווען א שוחט, זיין זוהן האב איך נאך געקענט, דער שוחט איז געווען א גרויסער מתנגד אויף אונז, ער האט גענומען דעם רבי'נס ספרים, ער האט זיי געווארפן אין 'בית הכסא'! רבי פנחס איז געקומען צו פארן פון ראש השנה פון אומאן, האט מען איהם דערציילט, אז דער שוחט האט אזוי געטוהן!

האט ער גענומען דארטן עטליכע תלמידים זיינע, דער שווער איז געווען איינער פון זיי, ער האט זיי אזוי געזאגט, אז ס'איז דא א שם 'קנ"א', פון די זיבן שמות, 'מקוה' באטרעפט 'קנ"א', דער שם איז מסוגל מקנא זיין קנאת השם צבאות, "זאלן זיי גיין אין מקוה, און אינזין האבן דעם שם" - אזוי האט ער זיי געזאגט!

אין דער צייט וואס ער איז געגאנגען אין מקוה, איז דער שוחט - ס'איז געווען ערב יום כיפור דארטן - דער שוחט האט גע'שחט'ן די כפרות ערב יום כיפור, איז דער שוחט געגאנגען דארטן אין בית הכסא, איז געקומען א 'עקרב', און האב איהם געגעבן אין די כרכשתא, און ער איז אריינגעפאלן דארטן אין דעם גרוב, און ער איז גלייך געשטארבן דארטן! און מען האט איהם נישט געקענט מטהר זיין, אזוי איז ער געווען אוים געשמירט, מען האט איהם געמוזט אריינלייגן אזוי (לקבורה)!

דאס האט רבי פנחס אפגעטוהן! מען האט מודיע געווען רבי נחמן טולטשינער, האט ער געזאגט "דאס איז נישט אונזער זאך", רבי נחמן האט דערפון נישט געהאלטן! "דאס איז נישט אונזער זאך"! אבער ער האט עס דאך געמיינט אנצונעמען אויף דעם כבוד רבינו!

*

# "איך וויל נישט זיין קיין רודף"!

דער ענין פון רבי נחמן - רבי נחמן טולטשינער - האט געהאט אין זיך אן אנדערע סארט אמת! ער האט געהאט רבי נתן - אז ס'איז געווען די מעשה מיט "בערל שוחט", מיט שוחט מיט טרייף מיט די אלע מעשיות (כדלהלן), און בערל שוחט איז געווען א איד א צדיק! דער סקווירא'ער האט געזאגט אויף בערל שוחט (לפני הרעש והמחלוקת) "אז אויף זיין חלף רוהט די שכינה", געוואלד און געשריגן זיין גרויסקייט - וואס ער איז געווען בערל שוחט!

ס'איז געווען א מחלוקת (מהמתנגדים), ס'איז אסאך צו רעדן, אין טעפליק, און מען האט געמאכט א 'שער החרסית', מען האט געבראכן כלים! און יעדע חתונה האט מען געשריגן א ניגון 'בערל טרייף', ס'האט זיך געקאכט א גוט פייער!

האט רבי נחמן טולטשינער אזוי געזאגט; "בערל, דו ביסט געקומען מאכן ביי אונז א מחלוקת? דו ביסט געווארן א ברסלב'ער חסיד - אוועקגעלייגט דאס

קלינגל"! דאס הייסט דעם 'חלף' לייג אוועק! האט ער האט געפאלגט רבי נחמן'ען, און ער איז געווארן אוים שוחט! און ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, ער ליגט אין טבריא, ער איז געווען א מלמד, געלערנט מיט קינדער, ער האט באקומען א גרויסן שם אין טבריא!

רבי נתן'ס אמת איז געווען א אנדערע אמת! דער אמת פון רבי נתן איז געווען א אנדערע סארט אמת! רבי נחמן טולטשינער, האט געהאט דער אמת פון רבי נתן'ען!

*

רבי נתן האט געהאט בכח אז די אלע מתנגדים זאלן - נישט חלילה מעביר זיין פון די וועלט, אבער על כל פנים זיי זאלן נישט זיין אין דעם לאנד! די גרויסע מתנגדים, די עטליכע דארטן - די גרויסע מתנגדים.

האבן זיי געזאגט די 'מחקרים' (שמוהרנ"ת היה מדבר עמהם עפ"י ציווי רביז"ל) צו איהם; "אז איר ווילט, רבי נתן, גיבט אונז נאר אז איר זענט מסכים, איז ביז 'פיר און צוואנציג שעה', וועט קיין איינער נישט זיין פון דעם לאנד"! און וואס איז? מ'וועט דאך זיי נישט הרג'ענען! זיי וועלן אין א אנדערע לאנד זיין, וועלן זיי נישט זיין דא! וואס איז א נפקא מינה? פונקט זיין אין אוקריינא?! וועלן זיי נישט זיין אין אוקריינא!

האט ער געזאגט; "ניין, פונעם רבי'ן האב איך אזוי נישט מקבל געווען, פונעם רבי'ן האב איך מקבל געווען, נאר תפילה, און תפילה און תפילה"!

נאך האט רבי נתן געזאגט; "איך וויל נישט זיין קיין רודף, איך וויל זיין א נרדף, אז איך וועל עפעס טוהן, וועל איך דאך הייסן א רודף"! ער האט אזוי געזאגט; "איך פארגין זיי נישט אז זיי זאלן הייסן נרדפים"! דאס איז דאך אלץ ווערטער פונעם רבי'נס זאך! [נט]

*

[נט] עי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים מרביז"ל.

# "הער און שווייג"!

זעהען מיר אזעלכע גדלות'ן, אזעלכע גדלות'ן, ער האט געהאט א גאנג פונעם רבי'ן, אז אונזער חסידות שטייט איין דערביי, "ישמע בזיונו ידום וישתוק"![ס] אָנבייגן דעם קאפ, דערפון וועסטו וואקסן אין אידישקייט, און דו וועסט מאכן גוט!

*

איך האב אמאל געזעהן אין קיבליטש, איינער ער האט מבזה געווען דעם שווער, דער שווער איז געווען א הויכע סארט מענטש, איינער האט מבזה געווען דעם שווער, יענער איז געווען א גביר - א גאנצער געשטעל, ער איז אזוי געקומען צום שווער - איך וויים נישט, א גארנישט, א געלעכטער, און ער האט געזידלט דעם שווער!

איך בין געווען א יונגערמאן נאך די חתונה, איך האב געוואלט צוגיין, איך האב געוואלט - - זאגט דער שווער; "שווייג! אַדאָס איז אונזער זאך - הער און שווייג"! האב איך געזעהן א אויסגעארבעטער איד! "אדאס איז אונזער חסידות"!

אזא מין סארט חסידות - אז מען זאל שווייגן, מען זאל שווייגן! קענסט נישט? גיי אוועק, גיי ארוים! די קענסט נישט שווייגן? גיי ארוים, גיי ארוים אינדרויסן! הער נישט!

די עלטערע אידן אונזערע, זענען געווען אויסגעארבעט אין דער זאך!

ס'איז געווען טאקע אמאל, דער טשערינ'ער רב איז געגאנגען אמאל צום רבי'ן אויפ'ן ציון, איינער איז געגאנגען מיט איהם, "דער טשערינ'ער רב", איז איינער געגאנגען מיט איהם (ללוותו מחמת כבודו), ער איז געגאנגען מיט א 'בגד משי' - דער טשערינער רב, איינער דארט אן 'עזות פנים' האט גענומען א שטיק צואה און געווארפן דער טשערינ'ער רב אין די פלייצע, אויפ'ן בגד, און דער בגד איז געווארן אויסגעשמירט!

דער וואס איז געגאנגען מיט איהם האט דאס געזעהן, האט ער געשריגן "געוואלד ער איז דאך - - -" זאגט ער (המתנגד החצוף הנ"ל); "דו רעדסט נאך? ער

---

[ס] עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ב'.

שווייגט כאטש! דו רעדסט נאך אויך"?! - אויף דעם וואס ער האט זיך אנגענומען! נאכדעם האט ער אויסגעוואשן דעם בגד - על פי הלכה דארטן.

דאס איז געווען אונזער זאך! דאס איז געווען דער זאך! אז נישט - קענסטו נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד - אויב דו ווילסט נישט שווייגן!

דיר דאכט זיך דיר - אז דו טוהסט אפענטפערן מאכסטו גוט, אבער אין שורש אריין - קען זיין די מאכסט גוט - אבער צום רבי'נס זאך נוצט עס נישט! צום רבי'נס זאך נוצט עס נישט!

דעם רבי'נס זאך איז אזא מין זאך - אז דו ווילסט ארבעטן אין אידישקייט - דו ווילסט וואקסן, מוזטו נעמען די רעצעפט פון "שווייגן"!

ס'איז א רעצעפט, ס'איז א שווערע רעצעפט, דאס איז נישט קיין גרינגע רעצעפט!

(רבי בירך; ביי מיר איז עס זייער שווער) ס'איז פאר אן אנדערן אויך שווער! ס'איז פאר א יעדעם איינעם זייער שווער! אז מען זעהט אז מען איז מבזה דעם רבי'נס זאך, איז עס פאר יעדעם איינעם זייער שווער! ברוך השם מיר האבן היינט נישט די נסיונות וואס מיר האבן געהאט אמאל!

(אחד מהנוכחים; ווייל מען טוהט נישט אפשר אזוי) אה אה![סא]

*

ביי רבי נחמן טולטשינער איז געווען אמאל א שמחת תורה, דארטן גייט שוין דארטן גרויסע רעגנ'ס - דעמאלטס - מיט בלאטע'ס, איז געווען א גרויסע מתנגד, ער איז אריין אין שוהל אריין שמחת תורה, און ער האט געזידלט און געשריגן,

---

[סא] עי' מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה - נתיב צדיק, מיום כ"ד מנחם אב שנת תרמ"ד, וז"ל; רק אחי ורעי, אל תעצבו מהמחלוקת, כי רבינו ז"ל אמר כי המחלקת מרים ומגביה את האדם, ובודאי מגביה ומרים את כל אחד לפי מדרגתו. וגם אמר שהמחלוקת היא סימן שאתם רוצים להיות אנשים כשרים, כמו שאמר רבנו ז"ל לאנשי לאדיזין בעת ששאל אותם רבנו ז"ל מה נשמע במחניכם, והשיבו לרבנו ז"ל שב"ה אצלנו שטיל, ואמר להם שבודאי אתם ג"כ שותקים מעבודת ה' ... ע"כ אחי האהובים והנעימים, תקיימו דום לה' וכו', ולא תעשו שום דבר, רק תלכו על קברי הצדיקים, ותצעקו על גלות השכינה, שאור כזה יהיה נעלם, ולמען מסירת נפש - הוא שמו של רבנו ז"ל ותלמידו הק', וה' יעזור לכם ולנו, ויכניע כל שונאינו תחת האמת, כי האמת לעולם עומדת, והאמת קיים לעד.

האט רבי נחמן איהם אנגענומען, און ער האט איהם אריינגעשטעלט אין די בלאטע, "דא שטיי דא שטיי"!

דער מתנגד ער איז געווען שיכור, ער איז אריינגעקומען, ער האט זייער געזידלט אונזערע לייט און מבזה געווען, אינדרויסן איז געווען א רעגן, א בלאטע, האט רבי נחמן איהם אנגענומען אזוי, ער האט איהם אריינגעשטעלט אין דער בלאטע, "אַדאָ שטיי"! שוין.

*

און אמאל האט רבי נחמן אזוי געזאגט; "איך זאל זיין גלייך ווי איך האב דיר אפגעענטפערט, ס'קומט דיר אפצוענטפערן, (נאר) איך האב מורא אז דו וועסט מער מבזה זיין דעם רבי'נס זאך, זאל זיין גלייך ווי איך האב דיר געענטפערט"! שוין.

(רבי בירך; מען דארף דאך מאכן א מחאה?) ווי איז אבער אז איך ווייס אז מען וועט מער מבזה זיין?! (ר"ב: אה, דאס איז דאך דער דרך, אויב מען ענטפערט יענעם, מאכט די מחלוקה גרעסער) יא יא, טאקע אזוי! (ר"ב; אבער אז די חוקרים האבן געקענט אוועקשיקן די מתנגדים אין א אנדערע מדינה, דאס ווייס איך נישט - כי על ידי זה היה נשקט כל המחלוקת בפעם אחד), הער זיך איין - זיי האבן געזאגט 'פיר און צוואנציג שעה', אפשר וואלט געדארפט געדויערן עטליכע מאל 'פיר און צוואנציג שעה', דערווייל וואלט געווארן א נאמען אינדרויסן "ברסלב'ע רודפים"! אזוי האבן זיי געהאט א נאמען "ברסלב'ער - זיי זענען אנגעבויגענע, זיי שווייגן, זיי ענטפערן נישט אפ, זיי זענען תמיד די נרדפים"! אבער אזוי וואלט מען שוין אן אנדערע נאמען באקומען!

און דעם נאמען ('נרדפים') האבן זיי באדארפט האבן אי 'בעלמא הדין' אי 'בעלמא דאתי' - האבן זיי אויך דעם נאמען! זיי זענען 'נרדפים', זיי שווייגן אפ, דאס איז דער נאמען פון ברסלב'ע חסידים!

(אחד מהנוכחים; הלל הזקן האט אויך געשוויגן, דער הלכה איז אזוי ווי בית הלל ווייל זיי שווייגן!) די גמרא זאגט טאקע אין מסכת שבת, אז איין טאג איז שמאי געווען נשיא,

זאגט די גמרא - איז געווען אזוי קשה, אזא מין סארט חרון אף געווען, אזוי ווי דער טאג פונעם עגל! וואס איז? שמאי איז געווען נשיא, א קפדן![סב] - - - (חסר ההמשך).

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **אלימלך ראזענבערגער** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי נכדו למזל טוב** | מוה"ר **ישראל דוב פריד** הי"ו<br>סאוט פאלסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב** | מוה"ר **אלי' פדווא** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב** | מוה"ר **שמעון ישראל וואלטער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב** |
| מוה"ר **יצחק שלום פריעדמאן** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **יואל ווייס** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | לזכר נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**<br>נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה | לזכר נשמת מרת **חיה רעכל** בת ר' **חיים מנחם הכהן** ע"ה<br>נלב"ע ט"ז כסליו תשע"ח תנצב"ה |
| מוה"ר **חיים מאיר האס** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>לרגל שמחת נישואי בנו החתן כמר **נחמן אשר** הי"ו<br>**למזל טוב** | | מוה"ר **ברוך גודלבסקי** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>לזכות החתן **חיים אריה בן שרה מלכה** הי"ו עב"ג הכלה **מרים בת רבקה** שתחי'<br>**לרגל שמחת נישואיהם למזל טוב** | |

**. . . אֲבָל עֵצוֹת אֲמִתִּיּוֹת לְהִנָּצֵל מִבִּלְבּוּל וְעִקְמוּמִיּוּת שֶׁל זֶה הָעוֹלָם, שֶׁמְּעַקֵּם וּמְבַלְבֵּל הַלֵּב בְּלִי שִׁעוּר, צְרִיכִין עַתָּה בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מִסִּפְרֵי אדומו"ר ז"ל, וְאֵצֶל תַּלְמִידָיו, וְאֵצֶל תַּלְמִידֵי תַּלְמִידָיו וכו' . . .**

(לשון מוהרנ"ת ז"ל במכתביו, עלים לתרופה - מכתב קס"ו)

[סב] עי' מס' שבת דף י"ז ע"א, וברש"י שם ד"ה קשה; לפי שהלל נשיא וענוותן.